קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 226 פרשת קרח · תשפ"ד

אידישע נייעס: ערבאות אין מדינת ישראל וויל ארייננשלעפן ערליכע אידן אין מיליטער הי"ת

געשעענישן: שאלות ותשובות פאנעל ליל ששי שלח

פרשה זו יפה נדרשת:

ליינט די געשיכטע פון משפחת קרח וואס איז איינגעשלינגן געווארן אין דער ערד / **באקענט אייך פונדערנאנט מיט קרח'ס גוטע פריינד דתן ואבירם וואס פירן זיך ווי רבנים און טראגן ווייסע בעקיטשעס (8)** / הערט פון קרח'ס חבר וואס האט זיך געראטעוועט די לעצטע מינוט מיט ניסי ניסים (27).



אמעריקאנע נייעס:

ערשטע פרעזידענטליכע דעבאטע אפגעהאלטן

אידישע נייעס
ערנאזנס וויל ארײנשלעפן אידישע קינדער אין מיליטער רח"ל
4



וועלטליכע נייעס
דעבאטע צווישן טראמפ און בײדען
5



געדאנקען
קלאפ אריין א פינעווער
8

מעשה פון א צדיק
חשוב האלטן די געלט
16



די ברסלב'ער שטוב
קרח'ס שכן
25

קינדער בלעטל
דער אוצר אויפן באן
37

קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:
אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, שמעון עוזר פערל, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, נפתלי הירצקא וואללנער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ש. ל. פליישמאן

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארײנצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169

זמנים Liberty
קרח ל' סיון תשפ"ד

הדלקת הנרות 08:18
מוצאי שבת 09:49

מנחה מעריב חקת.... 09:30

ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

מו"ה שמואל בלעדי הי"ו
וזוגתו תחי'

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל און קענען אויפציען אין שטעטל די קינדער אויפן וועג פון הייליגן רבי'ן.

מזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר אונזער חשובער מנהל

מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א
וזוגתו מלכה תחי'
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם און אלע קינדער געזונטערהייט.

וועטער

Fri 05	80°/66°		Scattered Thunderstorms
Sat 06	82°/63°		Scattered Thunderstorms
Sun 07	81°/61°		Partly Cloudy
Mon 08	81°/62°		Scattered Thunderstorms
Tue 09	80°/61°		Scattered Thunderstorms
Wed 10	80°/61°		PM Thunderstorms
Thu 11	82°/63°		Isolated Thunderstorms
Fri 12	80°/61°		Scattered Thunderstorms

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג
די וועטער וואס גייט זיין
שיחות הר"ן

YOUR TRUSTED PARTNER FOR

Insurance Solutions

When you buy insurance through an independent broker, you get ease, choice, and advice. An independent broker that has allegiance to you as a customer and you can choose the carrier that best suits your needs.

Licensed Insurance and Real Estate Broker

THE HEILIGE REBBE SAYS

"Ein Shum Yiush B'olam Klal"

we don't give up on you so easily and neither should you!

Looking forward to helping you,

- Simcha Salz -

OUR SERVICES

HOMEOWNERS

RENTERS

TRAVEL

BUSINESS

EMPLOYEE HEALTH

AUTO INSURANCE

CONTACT US:

SALZ & ASSOCIATES LLC
212-725-9467
www.salzandassociates.com

SALZ REALTY GROUP LLC
212-725-9734
www.salzre.com

SALZ INSURANCE BROKERAGE LLC
212-725-9467
www.salzinsurance.com

גרשון קרעמער

ערכאות אין מדינת ישראל וויל ארייַנשלעפן ערליכע אידן אין מיליטער הילל"ת

אין א שאקירנדע אורטייל האט די העכסטע געריכט אין די ציוניסטישע ערכאות היינט ארויסגעגעבן א פסק אז אזוי ווי זיי האבן נישט יעצט קיין שום געזעץ וואס פטר'ט ישיבה בחורים פון דארפן גיין דינען אין זייער מיליטער, דארף די צה"ל אנהייבן געצווינגענע רעקרוטירונג פאר אלע בירגער פון די מדינה ווען זיי גרייכן אכצן יאר, אפגעזען צי זיי זענען תלמידי ישיבה אדער נישט.

די ציוניסטישע מדינה וואס שטייט אויף די גרונדן פון "כחי ועוצם ידי", האט נישט געהאט קיין אין רואיגע טאג זינט איר גרינדונג, די גאנצע צוגעזאגטע גליק וואס וועט קומען אויפן אידישן פאלק איז צופאלן ווי א זייפן בלאז, זיי האבן פארשפראכן אויב מען וועט בלויז "זיך נעמען אין די הענט אריין" און איינפירן ככל הגוים בית ישראל, אראפווארפן פון זיך די עול פון אייבערשטן, און ווערן א פאלק ווי אלע פעלקער, דאן וועלן זיך אויפהערן די רדיפות קעגן אידישע קינדער, די אנטיסעמיטן וועלן פארשוואונדן ווערן פאר שרעק פון די מעכטיגע מיליטער און שפיאנאזש מעגליכקייטן פון די אידישע מדינה.

ווער עס קוקט מיט א רעאליסטישע בליק זעט ווי די אלע חלומות זענען געווען א שיינע דמיון, אידן וואס זענען נעבעך אראפ געפאלן און דער סמ"ך מ"ם האט זיי פארכאפט אין זיין נעץ, און זיי גענוצט אלץ שלוחים אראפ צו פירן גאנצעטע שיכטן פון כלל ישראל פון די הייליגע אמונה, און איינפירן א חינוך נעץ אן קיין שייכות מיט'ן אייבערשטן און זיין הייליגע תורה, אויף וואס די הייליגע צדיקים האבן געבליטיגט דאס הארץ, וויסנדיג אז מיליאנען אידישע קינדער גייען יעדן טאג אין זייערע פאבליק שולעס, און וויסן אפילו נישט פון קיין "שמע ישראל" ר"ל.

ווי חז"ל זאגן אונז שוין, איז די שנאת עם הארץ לתלמיד חכם אזוי שטארק, אז דער הייליגער תנא רבי עקיבא האט זיך אמאל אויסגעדרוקט, איידער ער האט זוכה געווען צו לערנען תורה, האט ער געטראכט צו זיך "הלואי קען איך נעמען א תלמוד חכם און איך וועל אים צורייסן ווי אן אייזל". דאס האט צוגעפירט אז די מיליאנען פרייע אין ארץ ישראל וואס זענען נעבעך כתינוק שנשבה רח"ל פלאצן פאר קנאה יעדן טאג, ווען זיי זעען ווי ערליכע אידן זענען פרייליך, מען זעט אויף זייערע פנים ווי זיי האבן סיפוק פונעם טאג, זיי שפירן א קרבת אלקים, בשעת זיי דארפן פארברענען זייערע קינדער אלס קרבנות אויפן מזבח פון די עבודה זרה הציונות.

באמת שטעלט זיך א הארבע פראגע, צי וואס דארפן זיי האבן די ישיבה בחורים אין זייער מיליטער געצווינגענערהייט? אן ערליכער בחור וואס איז ארייַנגעצוויגען מיט קייטן וועט זיי נאר מאכן פראבלעמען, דער בחור וועט נישט וועלן עסן נאר מיט'ן בעסטן הכשר, ער וועט זיך שלאגן נישט ארייַנצוגיין אין א צימער מיט טעלעוויזיע, דא וועט זיין שבת, און דא דארף ער נעגל וואסער, ער וועט זיי מאכן אזויפיל קאפ וויי אז עס לוינט נישט די גאנצע זאך. נאר דער אמת איז אז זיי צילן דא עפעס אנדערש, דער סמ"ך מ"ם רעדט זיי איין אז זיי קענען שוין קיין ערליכע אידן נישט זיין, ווילן זיי כאטש מיטשלעפן די אנדערע אידן זאל אויך זיין ווי זיי, און אזוי האפן זיי וועלן זיי נישט דארפן זיך פילן שולדיג יעדעס מאל זיי זעען ערליכע אידן מיט לעכטיגע פנימ'ער שפאנען אין שול ערב שבת קודש. זייער מיליטער האבן זיי אויסגעשטעלט אראפ צו ברענגען מאראליש יעדן וואס טרעט איבער זייער שוועל, זיי מאכן זיכער צו שטעלן פריצות איבעראל, און מאכן ליצנות פון יעדע דבר שבקדושה, מיט'ן ציל מכשיל צו זיין ערליכע ריינע בחורים און זיי אראפ ווארפן אין שאול תחתית, וואס אן די חיזוק פון א צדיק קען מען זייער שנעל ווערן מיואש.

דערפאר דארפן מיר אין די טעג מתפלל זיין אז דער אייבערשטער זאל אונז אפהיטן פון אלע נסיונות, און כלל ישראל זאל אויך קענען איבערקומען דעם גלות אין די אזוי גערופענע אידישע מדינה, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו ווערן אויסגעלייזט דורך משיח צדקינו בב"א.

אם ה' לא ישמר עיר שוא שקד שומר



ערשטע פרעזידענטליכע דעבאטע אפגעהאלטן

פילע אמעריקאנער זענען אונטער שאק איבער די אויסגאנג פון די פרעזידענטליכע דעבאטע וואס איז אפגעהאלטן געווארן פאריגע וואך צווישן דעם אמטירנדער פרעזידענט פון אמעריקע מר. דזשאוביידען און דער געוועזענער פרעזידענט מר. דאנאלד טראמפ.

די באריכטן וואס קומען ארויס, דערציילן איבער דעם שלעכטן רושם וואס ביידען האט געמאכט בשעת ער האט זיך געפלאגט אפצושלאגן די אטאקעס פון זיין קעגנער. "דו ביסט דער ערגסטער פרעזידענט וואס אמעריקע האט נאר אמאל פארמאגט" האט דער רעפאבליקאנער עלעפאנט געשריגן, בשעת דער דעמאקראטישער קאנדידאט האט צוריק געשריגן "דו ביסט א פארברעכער וואס וויל אונטערברענגען אמעריקע".

פאר אינטעליגענטע מענטשן איז עס ממש א וואונדער ווי צוויי אלטע פערזאנען האבן נישט וואס צו טון מיט זייער צייט מער ווי פארפירן נארישע וויכוחים וואס איז קלאר אז ס'וועט קיינעם איבערצייגן ווער עס איז גערעכט. לויט אלע דיעות איז עס געווען א פשוטער צירקוס שפיל וואס מ'קען עס צוגלייכן צו די רוימישע ספארטס ווי מענטשן האבן זיך געדארפט שלאגן מיט ווילדע חיות, און די פארדארבענע גוים האבן הנאה געהאט פון דעם גרויליגן ספעקטאקל ווי די חיות צורייסן א מענטש לעבעדיגערהייט.

מוהרא"ש פלעגט זאגט אז עס איז א שאד אריינצוגיין אין וויכוחים מיט מענטשן. לאמיר טראכטן לאגיש: האסט געטראכט פאר איין סעקונדע אז ווען איינער קומט זיך טענה'ן מיט דיר, איז עס מיט'ן ציל צו ווערן איבערצייגט אז דו ביסט גערעכט?! עס איז א שאד די שפייעכטס.

איינער פון אנשי שלומינו האט אמאל געשריבן א גרויסן חיבור מיט מקורות פון חז"ל, מדרשים, ראשונים און אחרונים, הלכה, מוסר און חסידות פון אלע קרייזן איבערן סדר דרך הלימוד. ווי באקאנט האט דער רבי געשריבן א שיחה אין שיחת הר"ן סימן ע"ו איבערן סדר דרך הלימוד וואס האט שוין געראטעוועט אומצאליגע אידן און זיי צוריק געברענגט צו די גמרא. דער רבי זאגט דארט אז ווען מען לערנט דארף מען בלויז זאגן די ווערטער (קוקט עס נאך אינעווייניג דעם גאנצן שיחה מיט'ן הייליגן רבינ'ס לשון). דער סמ"ך מ"ם קען דאס נישט פארטראגן, ווייל אויב דער בחור קען זיך זעצן לערנען סתם אזוי, אן קיין מגיד שיעור, אן קיין טרייבער, אן קיין חבורת, איז דאך אויס (הפקר) וועלט! וויאזוי וועט ער ווייטער קענען צוברעכן בחורים? פרובירן זיי חוזק צו מאכן דערפון, "מען דאווענט גמרא" (דא לאכט מען כזה "כי, כי, כי"), "וויאזוי קענען אויסוואקסן אזוי דיינים"? (כא, כא, כא), "סתם ביטול תורה", (כע, כע, כע). און דער חשובער תלמוד היכל הקודש האט דערפאר באשלאסן אפצושלאגן די אלע לצים מיט פעסטע מקורות פון אונזערע הייליגע צדיקים און פוסקים פון אלע דורות, ווען ער איז אריין דערמיט צו מוהרא"ש זי"ע, האט אים מוהרא"ש געזאגט אז ער זאל עס נישט ארויסגעבן, "עס איז א שאד די צייט, די אלע וואס פרובירן עס, דארפן נישט קיין ראיות, און די וואס לאכן דערפון, וועט קיין שום ראי' נישט העלפן". (פארשטייט זיך אז ער האט געפאלגט, און דער ספר ליגט נאך ביי אים בכתב יד).

פארשטייט זיך ווען עס קומט אינדערהיים, מיט די ווייב איז נישטא קיין וויכוחים, וואס קאסט עס צו זאגן פאר דיין ווייב "ביסט גערעכט"? עס קומט נישט ארויס קיין שום תועלת פון זיך טענה'ן מיט די ווייב. עס מיינט נישט אז מען זאל "פאלגן" די ווייב; ביידע, די מאן און די ווייב דארפן פאלגן די תורה. אבער ווען דיין ווייב האט א מיינונג, זי האלט צום בייפשיל אז די דעבאטעס פון די פרעזידענטן זענען א גוטע זאך, זאג איר "ביסט גערעכט", און לייג צו וואס פארא שיינע זאך עס איז "אין א דעמקאראטישע לאנד קען מען שרייען און רעדן קעגן דעם פירער פון לאנד אין פנים און נישט נאר וואס מען זעצט נישט איין, נאר מען גייט נאך ארויס א העלד." און ווער וועט זיין גערעכט? דו וועסט זיין גערעכט, ווייל יעצט האט מען זיך ליב אינדערהיים, ווייל דו האסט געגעבן גערעכט פאר דיין ווייב.

ליצנות אחד דוחה מאה תוכחות

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com

פארוואס מאכן עראפלאנען ווייסע ליניעס?

שאלה: פארוואס זע איך פיל מאל עראפלאנען לאזן איבער ווייסע שטרייפן אונטער זיך, אבער צומאל זעט מען זיי פליען אן איבערלאזן די ליניעס אונטער זיי?

ענטפער: די ווייסע שטרייפן וואס "קומען ארויס" ווען פליגער פליען הויך אין די לופטן זענען גוט באקאנט פאר אלעמען, עס זעט אויס ווי ווייסע שטריקן געמאכט פון וואטע אדער וואלקענעס, וואס ווערן צוביסלעך ברייטער און ברייטער ביז זיי ווערן פארשוואונדן. אויף ענגליש האט עס אפילו א נאמען, מען רופט עס "קאָנטרעיל", וואס איז צוזאם געשטעלט פון די ווערטער "קאָנדענסעישאָן טרעיל", "קאנדענסעישאן" מיינט ווען גאז ווערט טראנפארמירט צו פליסיגקייטן (צום ביישפיל פון וואלקענעס ווערט רעגן), און "טרעיל" מיינט א "שטעג" ("טרעיל" אין ענגליש, וואס מען נוצט געווענטליך צו באצייכענען א אויסגעטרעטענע וועג אין וואלד).

וואס פאסירט ביים פליגער אין אונזער מעשה, איז אז אויב די לופט וואס דער מאטאר ציעט אריין אין פארענט איז נאס און ווערט הייס אינעם מאטאר, און ווערט דערנאך ארויסגעשטופט פון אונטן צו די לופט הויך אין די אטמאספערע וואס איז סאך קעלטער, דאס איז גורם אז די פארע וואס איז געשאפן געווארן אינעם מאטאר צוליב די היץ, ווערט פארוואנדעלט אין פיצקעלע ברעקעלעך וואסער וואס זעט זיך אן אלס א ווייסע וואלקן הונטערן פליגער.

אויב די לופט אין יענע צייט איז טרוקן, אדער אויב עס איז נישט זייער קאלט דארט הויך, דאן וועט מען געווענליך נישט זען די ווייסע שטריכן אין הימל. דאס איז די הויפט אורזאך פאר די "קאָנטרעילס" וואס די פליגערס לאזן ארויס.

וואס מען קען זען פון דא איז אז מען קען נישט ארויסגעבן פון זיך א זאך וואס מען האט נישט אריינגענומען, און וואס מען האט אריינגענומען וועט מען בהכרך מוזן ארויסגעבן. מען דארף זייער אכטונג געבן אריינצונעמען אין זיך נאר זאכן פון ריינע מקורות, נאר אויסהערן און ליינען וואס ערליכע אידן שרייבן, ווייל זיי געבן ארויס דאס וואס זיי האבן באקומען, און אויב באקומען זיי זייערע זאכן פון די גויים, וועלן זיי בהכרח דאס אויך ארויסגעבן פאר די ליינער. בפרט איז דאס וויכטיג פאר די קינדער, וואס האבן נאך א ריינע פרישע מוח, און אלעס וואס גייט אריין אין זיי מאכט אסאך א שטערקערע רושם.

און די זעלבע זאך פארקערט, א מענטש וואס וועט לערנען דעם הייליגן רבינ'ס ספרים, ער וועט לערנען אשר בנחל און עצתו אמונה, וועט מען דאס הערן פון אים, ער וועט אנהייבן צו רעדן צו זיינע קינדער אויף די שפראך וואס דער הייליגער רבי האט געוואלט, אמונה וועט אנהייבן צו באקומען א חשיבות אין זיינע אויגן, און די דעות פון די גוים וועט אים ווערן פארעקלט. ער וועט אנהייבן כאפן אז וואס די גוי זאגט אז עס איז שיין, איז באמת גרויליג, און ווען דער גוי שרייט אז אויב געבט מען נישט אזא חינוך, און אויב לאזט מען נישט די קינדערווארטן ביז די 25 צו חתונה האבן איז עס אביוז, איז עס פונקט פארקערט. ווען דער גוי איז מתיר דראגס, בלייבט עס נאך אלס אסור, און ווען דער גוי איז מתיר עבירות רחמנא לצלן איז עס נאך אלס אסור.

דער הייליגער מנחת אלעזר זכותו יגן עלינו, דער מונקאטשער רב זאגט: "דאס וואס מיר האבן אין די תוכחה (ויקרא כו, לו): "וְרָדַף אֹתָם קוֹל עָלֶה נִדָּף", דאס גייט ארויף אויפן צייטונג. ווער עס ליינט צייטונגען ווערט גערודפ'ט פון דעם, זיי דערשרעקן יעדן איינעם מיט זייער נייעס, דער צייטונג איז דער "עָלֶה נִדָּף" - א פארשטינקענעם בלאט";

אסאך מאל דאכט זיך פארן מענטש אז ס'וועט גארנישט פאסירן אויב איך וועל אויסהערן דער מענטש וואס רעדט אנטקעגן די אמונה רחמנא לצלן, אדער דער וואס מאכט ליצנות אויף צדיקים, אבער דער אמת אז דאס איז נישט אזוי, וואס מען הערט און ליינט גייט אריין אינעם מענטש, במילא דארף מען בעטן דעם אייבערשטן מען זאל נישט אויסהערן אדער ליינען ליצנות אויף צדיקים און אויף די אמונה.

ורדף אותם קול עלה נדף

היימישע ערשטע נעמען

שאלה: א גוטן, ס'וואלט מיר געווען אינטערעסאנט צו וויסן וויאזוי איז געווארן אייגעפירט ביי די אידישע פרומע וועלט די היימישע ערשטע נעמען, אויסער די ערשטע נעמען וואס קומט פון די תורה ווי דבורה, אסתר, שרה וכו', איז אריינגעקומען כל מיני נעמען ווי נחמה, זיסל, פראדל. וועלכע תקופה איז עס אריינגעקומען? אויך ווער האט באשטימט אז למשה אריה איז א נאמען און נשר נישט? ס'איז זייער אינטערעסאנט די קאלום, א גרויסן ישר כח! מ.ק. נ.ב

ענטפער: צום ערשט איז וויכטיג קלאר צו מאכן אז א נאמען איז נישט קיין פשוטע זאך, עס איז נישט אין אונזערע הענט צו באשלוסן צו צולייגן א נייע נאמען. אין די ציוניסטישע מדינה האבן זיי איינגעפירט צו טוישן די נעמען וואס מיר האבן געהאט אין די מסורה, צום ביישפיל רויזא וועלן זיי טוישן צו שושנה, און האבן מיט א גרינגשעצונג אויפגעטראכט אייגענע נעמען ווי אילן וכדומה, טייל האבן נאך "מחמיר" געווען און געמאכט ליצנות פון די נעמען און א נאמען געגעבן זייערע קינדער נאך רשעים ווי נמרוד וכדומה.

מען דארף וויסן אז די צדיקים האבן געזאגט אז אין די נאמען פון א מענטש ליגט מער ווי סתם א "לעיבל" - דורך וויאזוי צו אידענטיפיצירן פון וועם מען רעדט, עס האט צו טון מיט די נשמה פון דעם מענטש, עס ליגט א בחינה פון רוח הקודש וואס פארא נאמען צו געבן פאר א קינד, און מען טאר חלילה נישט מזלזל זיין דערין.

די אלע נעמען זענען געווארן אייגעפירט ביים יהדות אשכנז במשך די דורות, דורך די צדיקים אין זייערע צייטן, און געניי ווער און ווען איז נישט באקאנט. און דאס אליינס איז א וויכטיגע לימוד, מיר דארפן נישט אלעס פארשטיין און וויסן, און מיר דארפן בלויז פאלגן בתמימות די צדיקים, און דאס וועט אונז ברענגען אלעס גוטס.

אבער פון די אנדערע זייט דארף מען נישט איבערטרייבן מיט נעמען, היינט איז געווארן א נייע מאדע, א זאך וואס מען האט נישט געזען ביי קיין איין פריערדיגע צדיק, דאס איז צו קוקן אויב די נעמען "שטימען" ווען מען טוט א שידוך. עס זענען דא אזוי גערופענע בעלי מקובלים וואס שטערן ליידער שידוכים מיט'ן דמיון אז די נעמען שטימען נישט.

און דאס גייט נאך ווייטער, ווען זיי זאגן אז די נאמען "שטימט נישט" קענען זיי צומאל צולייגן אדער גאר אראפ נעמען נעמען כדי עס "צו מאכן שטימען"... ביי די פריערדיגע צדיקים האט מען געזען צומאל מען זאל צולייגן א נאמען ביי א חולה ר"ל, אבער ביי שידוכים? וואו האט מען דאס געזען? אין סאטמאר? אין גער? אין ספרד? אין תימן? דאס איז א נייע זאך וואס דער סמ"ך מ"ם האט אריינגעברענגט עס זאל זיין נאך א תירוץ צום גרויסן זאק תירוצים פארוואס מען זאל נישט א שידוך טון.

לעצטענס איז נאך צוגעקומען א פרישע צרה אז מען קוקט פאר א שידוך אויפן שריפט, און ער זאגט אויב מען קען ווייטער גיין מיטן שידוך, וואס דאס איז א געפערליכע פרישע צרה, וואס האט שוין ליידער אפגעהאלטן אסאך שידוכים. מען דארף וויסן אז אונזערע צדיקים האבן אונז אויסגעטרעטן די וועג וויאזוי און אויף וואס מען קוקט פארן טון א שידוך. מוהרא"ש פלעגט זאגן מען זאל די עיקר קוקן אויף מידות טובות, און אזוי אויך קוקן וויאזוי ער דאווענט, אויב ער דאווענט אויף איין פלאץ אין א סידור.

אז מען וועט זיך פירן אין די וועגן פון די צדיקים וועט אונז גאר גוט זיין.

ויקרא בהם שמי ושם אבותי

משה ארי' שניצלער

קלאפ אריין א פינעווער



ברוך השם נעכטן, מיטוואך נאכט, פרשת שלח, פופצן מינוט נאך עלעווע, האב איך געטראגן מיין משפחה צו די הערליכע געשמאקע לעמאנעיד סופערמארקעט, אדורכפארנדיג די ראש ישיבה'ס הויז, האב איך געזען אז שימי'ס פארד עקספעדישן איז יעצט אנגעקומען, דער ראש ישיבה איז ארויס פון קאר און אריין אין שול דאווענען מעריב. מיר האבן זיך אלע געפרייט אז דער ראש ישיבה איז שוין דא.

איך האב געטראכט א גאנצע נאכט אז איך וועל האפנטליך זען דעם ראש ישיבה, וואס וועט, לויט ווי איך האב גערעכנט, דאווענען מיט די זיבענער מנין, למעשה בין איך געגאנגען שלאפן האלבער דרייע און צוריק באקומען די נשמה אום צען נאך זיבענע.

קומענדיג אין שול האב איך געזען אז מ'האט דזשאסט געענדיגט דאווענען, דער ראש ישיבה איז שוין נישט געווען אין שול. שפעטער האב איך געהערט אז ס'איז געווען א דף שיעור אונטן ביי די וואלד.

גראדע איז געווען א קריאת השם, ביי אונזער טייערע חבר מאטי ראזענבערגער נ"י, די מיידל הייסט הינדא רחל, נאך האשה החשובה אשת הרה"ח המרומם ר' אברהם יודא יאקאבאוויטש זכרונו לברכה, מ'טאראנטא יצ"ו, אבי המפיץ הידוע ר' נתן נרו יאיר.

אום האלבער דרייע היינט נאכמיטאג, באקום איך א פאון קאלל פון די ראש ישיבה וועגן צוויי ניגונים וואס דארף ארויסגיין אויף די קומענדיגע סי די, דער ראש ישיבה האט מיר געבעטן צו קומען צו די ישיבה קטנה אויף די לינקאלן גאס המתנהלת על ידי הרה"ג ר' יוסף שניטצלער נ"י.

אריינקומענדיג בין איך געווען אויסער זיך. ס'איז געווען גלייך נאכ'ן ענדיגן מנחה. דער ראש ישיבה האט איבערגעגעבן פאר די תלמידים ווי אזוי עס וועט ארבעטן מיט די סדרי הלימודים במשך לענגאויס דעם גאנצן זומער, כ'האב געזען אז דער ראש ישיבה רעדט אנדערש ווי אסאך מנהלים. אנשטאט רעדן פארמאל און אנגעשטעלט און "געמאכט", און מאכן א אישו פון א טישו, און רעדן א דרשה פון א שעה, האט דער ראש ישיבה געשמועסט מיט

זיי אזוי פריינטליך און הארציג און דיסקוסירט מיט זיי צוזאמען, און געהערט וואס עטליכע בחורים האבן געפרעגט צו מ'קען מאכן ענדערש אזוי אדער אזוי, ס'איז געווען א לעסן אין לייף, ווי דער ראש ישיבה רעדט צו א דרייצן יעריג בחור'ל אזוי ווי איינער וואלט גערעדט צו א קלוגן איד אין די פופציגער יארן. א יעדער בחור האט געפילט ווי דער ראש ישיבה וויל הערן זיין מיינונג, וועלכע וועג איז בעסער אויסצושטעלן דעם סדר.

איינער פון די בחורים, א שארף קעפל, א קלוגער, האט אריינגעפרעגט, און דער ראש ישיבה געבט אים א הארציגן שמייכל און גייט צו צו אים "קלאפ איין!" הלואי וואלט איך געהאט א בילד ווי דער ראש ישיבה מאכט דעם הארציגן "קלאפ איין". א ראש ישיבה וואס טויזנטער מענטשן הערן אים (בייזער דיך נישט אז איך רעד מיך איין אז אזוי סאך מענטשן הערן די ראש ישיבה, כ'האב נישט פארלאנגט פון דיר קיין רויטן גרייטער) קלאפט איין א פינעווער מיט א דרייצן יעריגן בחור, הלואי זע איך עס נאכאמאל אז מ'זאל קענען מאכן א בילד דערפון.

אינמיטן זאגט דער ראש ישיבה אז ס'וועט זיין צוויי שעה פאר סדר דרך הלימוד (גירסא, "זאגן" גמרא און משניות ועוד ועוד......) און צוויי שיעורים פארלערנען, גמרא, און חומש רש"י, יעדע שיעור וועט זיין א שעה, פרעגט א בחור, א שעה?! האט דער ראש ישיבה געזאגט, ניין, ס'איז פערציג מינוט א יעדע שיעור, נאר אויב מען קומט צען מינוט שפעט, מאכט מען די שיעור צען מינוט לענגער......

אויך האט דער ראש ישיבה געזאגט, א שעה פארלערנען איז לאנג?! אין אנדערע פלעצער זיצט מען צוויי און א האלב שעה ביי "איין" שיעור!!!!!

אויפ'ן וועג ארויס, פארנט פון די ישיבה קטנה, האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן צו רעדן צו מיר וועגן די סדר פון די באטע'ס פרייטאג צו נאכטס במשך דעם זומער, האט דער ראש ישיבה געזאגט, כ'האב געמאכט התבודדות וועגן די באטע'ס, און ס'וועט יא זיין באטע'ס, פאר מיר וואלט געווען גרינגער צו בלייבן אויבן ביי מיר אין שטוב און די באטע'ס זאל זיין נאר פאר מענער, אבער נאך'ן מאכן התבודדות איז געבליבן אז ס'וועט יא זיין באטע'ס. אויך האב איך געהערט מעסעדזשעס

די שיטה פון קרח, די שיטה פון דערגיין די יארן פאר צדיקים, דאס איז נישט קיין געשטארבענע זאך, דאס איז נישט א זאך פון די פארגאנגענהייט, דאס איז א זאך וואס גייט אין יעדן דור.

וואס מ'האט מיר געשיקט דערוועגן.

נאכדעם איז דער ראש ישיבה אריין אין מיין קאר און געזאגט ער וויל זיצן מיט מיר אין אפיס פון כולל, איך זאל אים אהינפירן. אנקומענדיג צום אפיס קאמפלעקס פון ר' אברהם יושע נ"י, וואו די כולל האלט איינע פון די אפיסעס, האט דער ראש ישיבה געזען דעם עסקן הידוע, וואס לייגט אריין כוחות עצומים צו שאפן פאנדן פאר די מוסדות, האברך היקר ר' אהרן פיש נ"י, דער ראש ישיבה האט דיסקוסירט מיט אים בנוגע וועגן א נסיעה, אז ס'קומט אויס זייער שווער צו מאכן א נסיעה קיין אייראפע, אזוי ווי די לעצטע עטליכע יארן.

נאך די שמועס מיט ארי פיש נ"י איז דער ראש ישיבה געקומען אין אפיס פון כולל, מ'איז דורך עטליכע נקודות אין פאנד רעיזינג, אויך עטליכע פרטים וועגן די פינאנציעלע אנגעלעגנהייטן פון כולל. אויך האט מען גערעדט א שמועס אז ווען איינער העלפט איינעם בארגן געלט אין באנק דארף מען רעדן צו א רב וועגן א שטר היתר עיסקא. למשל ראובן וויל קויפן א הויז, ער קען נישט באקומען קיין מארטגעדזש, גייט ער צו שמעון זאל אים העלפן מיט די מארטגעדזש, מוזן זיי מאכן א שטר היתר עיסקא, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז רוב מענטשן ווייסן נישט פון דעם און ווערן אסאך נכשל אין רבית. מ'מוז מאכן א שטר וואס איז געמאכט ספעציעל פאר דעם צוועק. דער שמועס האט זיך אנגעהויבן ווייל ס'איז געלעגן אויפן טיש א שטר היתר עיסקא וואס איז געווארן געמאכט דורך הרה"ג דומ"ץ קרית ברסלב שליט"א, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז די שטר איז זייער מדוייק על פי הלכות רבית.

נאכדעם איז דער ראש ישיבה ארויס פון די כולל אפיס און געפרעגט וואו איז די אפיס פון ר' אברהם אייזנער נ"י, האב איך אים געוויזן. דערנאך איז דער ראשי ישיבה אריין צו די אפיס פון ר' דוד ראבינאוויטש נ"י, נאכדעם צו ר' ישראל העסקל נ"י, דערנאך האט דער ראש ישיבה געשמועסט אביסל מיט'ן עולם פונעם פארנט אפיס קאמפלעקס, און דערנאך געבעטן ארי פיש זאל אים אהיימטראגן.

יעצט לאמיר זאגן א ווארט צוויי וועגן די וואכעדיגע סדרה וואס איז "יפה נדרשת" מ'דארף אסאך שמועסן דערפון.

דאס איז שוין אן אלט ווארט וואס אלע ווייסן אז ובני קרח לא מתו. די תלמידים פון קרח, די שיטה פון קרח, די שיטה פון דערגיין די יארן פאר צדיקים, דאס איז נישט קיין געשטארבענע זאך, דאס איז נישט א זאך פון די פארגאנגענהייט, דאס איז א זאך וואס גייט אין יעדן דור.

די רגע וואס ס'איז דא אן ערליכער איד וואס דערמאנט דעם עולם אז דער אייבערשטער איז דא און דו ביסט חשוב אין טייער אין הימל ווייל דער אייבערשטער ווייסט אז דו ווילסט עכט זיין גוט, איז שוין דא אזא געמאכטער בא'חן'דלטער שמייכלדיגער מיט א מינע פון א כלומר'שטן עובד השם וואס מאכט זיך אזוי בא'טעמ'ט און אומשולדיג ביים זאגן מיט'ן פאלשן שמייכל אז "ברסלב איז זייער חשוב, און איך אליין בין א הייסער עכטער ברסלב'ער אבער זאגן משניות איז נישט אזוי פשוט, מ'דארף וויסן וואו איין און וואו אויס".

מיין נישט אז קרח האט אויסגעזען ווי א דייטשער אידל מיט א צילינדער. מיין נישט אז דתן און אבירם האבן אויסגעזען ווי איינער וואס שפילט בעיסבאל פאר די יעינקי'ס אדער די מעטס.

זיי זענען געגאנגען אנגעטון מיט ווייסע בעקיטשעס און די נסיון איז געווען גאר גרויס.

ווען דו וואלסט געהערט צום ערשטן מאל קרח'ס מעגע מעגע טענה וועגן די טלית שכולה

תכלת, אדער די בית מלא ספרים וואלסטו גאנץ מעגליך נתפעל געווארן פון די מעכטיגע וויץ וואס קרח האט געקראכט אויף משה רבינו.

נאר דיין מזל איז אז די הייליגע רש"י האט דיך באווארנט אז קרח האט געקראכט וויצן אויף משה רבינו, נאך א מזל די ספרים הקדושים האבן דיר דערציילט אז קרח האט געהייסן ביי טויזנטער טויזנטער מענטשן א ערנסטער "גוטזאגער", און שיינע אידן פון יענעם דור זענען געפאלן א קרבן צו די באקטעריע וואס די ליצני הדור הרבן אריינגעפלאנצט אין זייערע אויערן. אפשר גאר ווען דו וואלסט צום ערשטן מאל געהערט קרח'ס אפיקורסישע וויצן פון דעם דענדראפ'דיגן דרשן וואס בארעדט צדיקים נעבן די קאווע אין דיין שול וואלסטו אפשר געווארן א שטילער אפיקורס מיט א הויכע שטריימל.

איך בין דיר נישט אינטערעסירט צו זאגן יעצט אז אן ברסלב קען מען נישט לעבן, אבער איין זאך יא, אן רעדן צום אייבערשטן אזוי ווי מ'רעדט צו א גוטן פריינד קען מען נישט לעבן, און אן א ערליכער איד וואס האקט און בראקט יעדן טאג אונז צו דערמאנען צו רעדן צום אייבערשטן רעדט מען נישט צום אייבערשטן, און אויב דער ערליכער איד וואס דערמאנט צו רעדן צום אייבערשטן זאגט אז ער איז ברסלב, איז עס נישט מיין שולד, זייט נישט בייז אויף מיר.

אן זאגן משניות דערצייל מיר נישט אז דו האסט געדולד און נערוון צו אלע זאכן אין לעבן וואס ברענגען פרעשער און פארדרייער די הארץ פון א מענטש צו ווערן א ציניקער, א סארקאסטישער, אדער א פארלוירענער און א כעסן.

אן זאגן משניות איז כמעט נישט מעגליך צו האבן יעדן טאג א שייכות מיט די הייליגע תורה וואס איז פאקטיש די איינציגע ווירקזאמע לאנג-טערמיניגע נערוון מעדעצין.

איך ווייס אז דו האסט א חברותא יעדן טאג פאר גאנצע דריי הונדערט פינעף און זעכציג טעג א יאר (חוץ פרייטאג און שבת אינקלאדינג אלע בארביקיו זונטאג'ס ווען די ס'מארס גייען ווערן פארשווארצט העכער די הייסע קוילן און די ווייסע געביגלטע געסטארטשטע העמד גייט וויזן צייכענעס פון די טויזנט אינזל דרעסינג.

איך ווייס וואס דו טראכטסט. דו טראכטסט אז פון איין זייט זעט דאך אויס אזוי ריכטיג די זאך פון זאגן משניות, און פון די אנדערע זייט איז דאך דא די וואזשנע אידן וואס מורמלען אונטער די וואנצעס אז "ס'איז נישט אזוי פשוט"...

און דו ווערסט נאך נתפעל פון דעם איד מיט די לייזיגע וואנצעס? לאמיר עס צונעמען אויף שטיקלעך. זונטאג נאכט אין די קעטסקילס, שוין געווען א שעה אין pool, שוין געפארן אויף בארג און טאל, שוין געטשילט באמת, מיט volley און tennis, שוין געשטיצט, Walmart שוין געג'jog'ט און געשוויצט, שוין געהערט דעם בדחן, שוין בארעדט דעם שדכן, שוין הונגעריג געווארן, מ'טיילט שוין די קארן, מ'לייגט אויפ'ן טיש, seared טונא פיש, די פלאנקען געגרילט, די ווייב'ס נערוון געדרילט, די קינדער געפראסקעט, ווייל די מעלוינע האט געטראסקעט, די בעיבי קוויטשעט, די גרויסע ברודער מוטשעט, די הימל ווערט שוין שווארץ, עס טיוכעט ביים הארץ, מיט מנחה וואס וועט זיין, שוין לאאאאאנג נאכ'ן זמן, מארגן צוריק צו די געלט, אוי וואו בין איך אויף דער וועלט???!!!

רעב ייייייודדדדד!!! אפשר איצט איז די צייט צו זאגן א פרק משניות?...... דו וועסט דיך מחי' זיין!! דו וועסט פילן ווי א מענטש! גריל שמיל, Walmart שמאלמארט, volley שמאלי, טעניס שמעניס, איך לערן "יעדן טאג", יעדן איינציגן טאג!! פרוביר איינמאל דעם טעם גן עדן, דו וועסט עס קיינמאל נישט אפלאזן.

קוק נישט אויף קיינעם, קוק אויף זיך, אדרבה, די משניות וועט דיר געבן די שכל צו טון וואס איז גוט פאר דיר, נישטא קיין צייט צו טראכטן וואס וועט זאגן מיין קאזינ'ס מומע'ס קעצעלע'ס שכנ'טע.

לאמיר מאכן א געשעפט לכבוד'ן זומער, א פרק משניות פאר יעדע געגרילטע ס'מאר, א דף גמרא פאר יעדע ביינדל פון די bone in flanken.

וועט ער זיין א גוטער מאן פאר מיין טאכטער?

שאלה

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר הַאלְטְן אִינְמִיטְן אַ שִׁידוּךְ פַאר אוּנְזֶער טָאכְטֶער תִּחְיֶ', אוּן מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז דֶער בָּחוּר הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיף אוּנְזֶער טָאכְטֶער אוֹיבּ זִי אִיז אַזַא סָארְט וָואס אִיז זִיךְ מַכְנִיעַ. דָאס הָאט אוּנְז גֶעמַאכְט אַבִּיסְל דֶע־רְשְׁרָאקְן פוּן גֵיין וַוייטֶער מִיט'ן שִׁידוּךְ, טְרַאכְטְנְדִיג אַז אֶפְשָׁר וַוייזְט דָאס אַז עֶר אִיז אַ שׁוֹלֵט, אַ קָאנְטְרָאלִירֶער אוּן אַ דִיקְטַאטָאר, אוּן מִיר וִוילְן נִישְׁט אוּנְזֶער טָאכְטֶער זָאל אַרַיינְפַאלְן מִיט אַזַא אֵיינֶעם.

וִוילְן מִיר זִיךְ מְיַיעֵץ זַיין מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ הַאנְדְלֶען אִין אַזַא פַאל.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

א בריוו פון דער ראש ישיבה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהַרָא"שׁ זָאגְט, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ נֶעמֶען אַ בָּחוּר פַאר אַן אֵיידֶעם זָאל מֶען דֶער עִיקָר קוּקְן אוֹיף דִי מִידוֹת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם פוּנֶעם בָּחוּר, וַוייל דֶער עִיקָר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז דִי מִידוֹת; יָא לֶערְנֶען נִישְׁט לֶערְנֶען - דָאס קֶען מֶען זִיךְ טוֹישְׁן. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט זֵייעֶר אַסַאךְ בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט אַלְץ בָּחוּר, אָבֶּער נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעלָאזְט דָאס לֶערְנֶען, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזֶען אַסַאךְ בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אַזוֹי פְלַייסִיג אַלְץ בָּחוּר, אוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען; זֵיי הָאבְּן גוּט חֲתוּנָה גֶעהַאט, זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער הָאבְּן זֵיי מְחַזֵק גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַ שִׁיעוּר, צוּ הָאבְּן אַ רָב וְכוּ' אוּן זֵיי זֶענֶען אִינְגַאנְצְן נִתְהַפֵּךְ גֶעוָוארְן לְטוֹב. אָבֶּער מִידוֹת - דָאס אִיז שׁוֹין עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ טוֹישְׁן; אוֹיבּ הָאט דֶער בָּחוּר נִישְׁט קַיין גוּטֶע מִידוֹת, קוּמְט אַרוֹיס דֶער גַאנְצֶער אֱמֶת נָאכְדֶעם וָואס דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת עֶנְדִיגְט זִיךְ, מֶען טְרֶעפְט זִיךְ מִיט אַ חַי' אַרוֹיס פוּן יְשִׁיבָה.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ נֶעמֶען אַ שְׁנוּר דַארְף מֶען זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן אוֹיף אִירֶע מִידוֹת; צִי זִי וֶועט זַיין אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, זִיךְ מַכְנִיעַ זַיין פַאר אִיר מַאן אוּן טוּן זַיין רָצוֹן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ט): "**אֵיזוֹהִי אִשָּׁה כְּשֵׁרָה? כָּל שֶׁעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעֲלָהּ**", וֶוער אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי? אַ פְרוֹי וָואס טוּט רְצוֹן בַּעְלָהּ זִי אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַאר'ן מַאן וְכוּ'; דָאס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי. עֶס אִיז אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ צוּ פְרֶעגְן אוֹיפְ'ן מֵיידְל צִי זִי אִיז אַ מֵיידְל מִיט הַכְנָעָה, דָאס מֵיינְט נָאךְ נִישְׁט אַז מֶען וֶוערְט אַ דִיקְטֶעטֶער, אוֹיבּ אִיז דֶער בָּחוּר אַ קָאנְטְרָאלֶער וָואלְט אִיר דָאס זִיכֶער גֶעהֶערְט פוּן חֲבֵרִים.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע שִׁידוּכִים; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת רַחְמָנוּת, סִימָן יא): "**עַל יְדֵי בַּקָּשַׁת רַחֲמִים, זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת שִׁידוּכִים טוֹבִים וְהַגּוּנִים**", דוּרְךְ תְּפִילָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טוּן גוּטֶע שִׁידוּכִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

HURLEYVILLE LEASING
STAY UP ALL NIGHT...
WITH 2024 NEXT-GEN CHEVY TRAVERSE
SELF DRIVE TECHNOLOGIES.
845-720-0041 SALES@HURLEYVILLELEASING.COM WWW.HURLEYVILLELEASING.COM

Deadline to advertise Sunday 12:00 PM
קלאסיפייד

SHIRTS | PANTS
BELTS | SOCKS
PAJAMAS
UNDERWEAR
TIGHTS | LINGERIE
DIAPERS | ONESIES
BIBS | RAIN COATS
SWIMWEAR
TERRY ROBES
Delivering all dry goods for the family to the entire Catskills region
WE'RE ON THE WAY TO YOU
845.747.5552
1619 Rt. 52
DRY GOODS
Hours Sun. - Thurs. 10:30-6:00 Fri. 10:30 - חצות

DYNAGRAFIK 845.352.1266
Delicate Rose
FINE LINGERIE
LIBERTY, NY | 347.693.7915
OPEN ALL YEAR ROUND
CALL FOR SUNDAY AND
EVENING APPOINTMENTS
CERTIFIED
KAYE LARCKY
FITTER
ABERGELE VA BIEN YOU FITFULLY YOURS GEMSLI KAYE LARCKY

Get care at home.

TELEHEALTH VISITS
WHEN A PHONE CALL IS ENOUGH

We accept most insurance plans

PRESCRIPTION REFILLS | STREP CULTURES | FLU & COVID/ RSV TESTING | SEASONAL ALLERGIES | EAR EXAMS | RASHES/ PINK EYE | URINE CULTURES | LAB-WORK

Medease
CARE AT HOME

718.208.2030

Sun: 12pm-6pm | Mon-Thurs: 3pm-10pm
info@medease.care | medease.care

SERVICING BROOKLYN & CATSKILL AREAS

די ערשטע סטאפ אויפן וועג אין קאנטרי

Free Delivery with minimum order

מיר האבן א רייכע אויסוואל
פון אלע, Judaica, games
און ביכער פאר קליין און
גרויס. ווי אויך פארמאגגן מיר
א רידיגע אויסוואל פון אלע
סארטן זילבער פילד כלים.
מיר זענען אפען א גאנץ יאר

שיקט אונז א מעסעדש און באקומט אייער ארדער דעליווערד צום טיר אין די קעטסקילס

אפען טעגליך - 9:00 צופרי ביז 12:00 ביינאכט
פרייטאג - 9:00 צופרי ביז א האלבע שעה פארן זמן
מוצאי שבת - א האלבע שעה נאכן זמן -ביז 1:00

347.578.4449

51 Twin Bridge Rd.
Liberty N.Y. 12754
left side entrance

Office space to rent in the Village of Liberty
Call 347-461-2244



שיינע פריוואטע 1 בעדרום
דירה אויף האשקי צו
פארדינגען פאר א שבת,
אדער פאר א וואך.

צו באשטעלן רופט אברהם
הערש וועבערמאן
845-492-0566

מיר פארקויפן פיקטשער פרעימס

מוהרא"ש #101 סייזעס 8X12 10X12 12X16 16X20
מוהרא"ש #102 סייזעס 10X12 12X16 16X20
מוהרא"ש #103 סייזעס 10X12 12X16 16X20
מוהרא"ש מיט דער ראש ישיבה #104 סייזעס 12X16 16X24

ווי אויך נעמען מיר אן קאסטום ארדערס
דעליווערי צו די גאנצע וועלט פרייע דעליווערי אין שטעטל
רופט: 845-535-9200 אדער אויף www.ShopBreslev.com

ברית
גמ"ח

ברוך השם מען האט געטראפן א נדבן פאר
די מאשין צו טשעקן געלקייט. אויב דארפט
איר עס נוצן רופט 845-831-4727

מעשיות פון תפילה

נחמן נתן בוים
ברסלב

איך האב געדרייווט א באס מיט בחורים פון א ישיבה. אויפן וועג האט מיר א פאליס אפגעשטעלט, איך האב נישט געוויסט פונקטליך פארוואס ער האט מיר אפגעשטעלט, קודם האב איך גלייך געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר נישט געבן קיין טיקעט. נאך אפאר מינוט ווארטן איז ער צוגעקומען צו מיר און געזאגט אז איין העדלייט איז אויסגעברענט, וועגן דעם האט ער מיר אפגעשטעלט. אויך האט ער צוגעלייגט אז ער וויל ארויפקומען ציילן אויב עס איז נישט דא מער מענטשן אויפן באס ווי עס מעג געזעצליך זיין.

ער איז צוריק געגאנגען צו זיין קאר, עס האט אויסגעזען אז ער וויל מיר שרייבן א טיקעט.

איך האב געבעטן אלע בחורים זאלן זיך אראפזעצן, ווייל ער וויל ארויפקומען ציילן אויב עס איז דא מער מענטשן ווי מען מעג, איך האב צוגעלייגט אז אלע בחורים זאלן בעטן דעם אייבערשטן ער זאל נישט געבן קיין טיקעט, זיי האבן זיך אביסל געוואונדערט אויף דעם, איך האב זיי נאכאמאל געבעטן, און זיי האבן מסכים געווען.

אלע בחורים האבן אפאר מאל געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל נישט געבן קיין טיקעט. נאך אפאר מינוט איז ער ארויפגעקומען ציילן אלעמען, און ברוך השם אלעס איז אדורך בשלום.

למעשה ביים סוף האט ער נישט געגעבן קיין טיקעט, נאר געזאגט אז מען זאל פאררעכטן די לייט. איך האב געזאגט פאר אלע בחורים זאלן זאגן צוזאמען "שכח אייבערשטער אז די פאליס האט נישט געגעבן קיין טיקעט".

ביים סוף וויל איך צולייגן וואס איך האב געהאט דעם קומענדיגע טאג ווען איך האב נאכאמאל געדרייווט די בחורים, האבן מיר די בחורים געפרעגט אויב איך האב שוין אריינגעשיקט די מעשה פון תפילה צום קרית ברסלב בלעטל. זאלט עטץ וויסן אז די בלעטל קומט אן ווייט.

ישראל דוד ברוקמאן

בני ברק

1. מיין דריי יעריגער זון האט בשום אופן נישט געוואלט טרינקען די באטי וואס מיר האבן געמאכט פאר אים, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מסכים זיין צו טרינקען דערפון אן קיין פראבלעם, שכח אייבערשטער ער האט פלוצלונג אפגעמאכט דאס יא צו ווערן נעמען.

2. פארגאנגענעם ל"ג בעומר אזוי ווי אסאך אידן אין כלל ישראל, האב איך גאר שטארק געוואלט זיין אין מירון ביי רבי שמעון, איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען זיין ביום ל"ג בעומר ביי רבי שמעון אין מירון, איך האב מיך ארויסגעלאזט קיין מירון, איך בין געווען אויפן וועג גאנצע ניין שעה, דורך אלע סארט וועגן, בערג און טאלן, וועלדער און פעלדער.

ברוך השם ביים סוף טאג ממש אפאר מינוט פאר די שקיעה האב איך זוכה געווען אריינצוגיין צום ציון און זיך אויסבעטן אלעס גוטס.

ישראל שמעון שטיינבערג

בארא פארק

איך בין געגאנגען מאכן דעם פערטן ראוד טעסט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל אדורכגיין גרינגערהייט, און נישט דארפן נאכאמאל דאס דארפן איבערמאכן. אויך האב איך צוגעזאגט צו דרוקן ספר אשר בנחל וואס מוהרא"ש האט געזאגט אז ווער עס דארף א א ישועה זאל מנדב זיין געלט צו דרוקן אשר בנחל.

שכח אייבערשטער אז די טעסט איז אדורך בשלום ובשלוה געשמאקערהייט.

יודל בנציון ווערצבערגער

מאנסי

1. ס'איז געווען א בלעקאוט אין שול פארגאנגענעם שבת, מען איז זיך צאמגעקומען דאווענען אין די טינקל, אבער מען האט מען נישט געקענט עפענען די ארון קודש ווייל מען האט פשוט נישט געקענט זען. מיר האבן אלע געבעטן דעם אייבערשטן אז די לייטס זאל זיך אנצינדן, און מען זאל קענען פראווען שלש סעודות אין די ליכטיגקייט, מיט פיינע עירקאנדישן, שכח אייבערשטער אז נאך אפאר מינוט בעטן דעם אייבערשטן האט זיך די לייטס אנגעצינדן.

2. איך בין געווען אין שפיטאל מיט מיין טאטע (דוד יצחק בן ברכה לרפואה שלימה) איך האב זייער וויכטיג געדארפט האבן מוזיק דארט אין שפיטאל, איך האב פראבירט אפאר מאל אנצינדן אבער עס איז נישט געגאנגען, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען אנצינדן מוזיק, אבער עס האט נישט געארבעט, נאך אפאר מינוט האט דער אייבערשטער מיר אריינגעשיינט אן אנדערע וועג וויאזוי איך קען אנצינדן מוזיק, און עס האט טאקע פיין געארבעט.

איך האב מיך שפעטער געכאפט אז דאס איז א מעשה פון תפילה וואס איך האב פריער געבעטן איך זאל האבן מוזיק, עס מוז נישט זיין אז די מוזיק זאל ארבעטן אויף דעם וועג וואס איך האב געטראכט.

נחמי' פאקשער

לאנדאן

איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען זיין אין ארץ ישראל, און זיין אין מירון ביי רבי שמעון, באמת האב איך שטארק געוואלט זיין ביום ל"ג בעומר, אבער דער אייבערשטער האט געפירט אזוי אז איך בין יעצט אנגעקומען ברוך השם, נאך אסאך תפילות.

א מעשה פון א צדיק

חָשׁוּב הַאלְטְן דִי גֶעלְט

אֵיינְמָאל אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער גְבִיר צוּם צַדִיק הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי מָרְדְכַי פוּן נָאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט אָפְּגֶעמַאכְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר וִויל גֶעבְּן גֶעלְט פַארְן צַדִיק.

אִינְדֶערְפְרִי נָאכְן דַאוֶועְנֶען זֶעט עֶר וִוי דֶער רֶבִּי מָרְדְכַי טֵיילְט פַאר אָרֶעמֶעלַייט פוּלֶע גְלֶעזְלֶעךְ וַויין אוּן גְרוֹיסֶע שְׁטִיקְלֶעךְ מְזוֹנוֹת. דֶער עוֹשֶׁר אִיז גֶעוֶוען אַ קַארְגֶער עֶס אִיז אִים נִישְׁט גֶעפַאלְן אַז דֶער רֶבִּי טֵיילְט מִיט אַזַא בְּרֵייטְקֵייט, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ רֶבִּי מָרְדְכַי "אִיךְ זֶעה אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעלְט נִישְׁט חָשׁוּב".

הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק אָנְגֶערוּפְן "וָואס? בַּיי מִיר אִיז גֶעלְט נִישְׁט חָשׁוּב? בַּיי דִיר אִיז גֶעלְט נִישְׁט חָשׁוּב!". דֶער גְבִיר הֶערְט דִי וֶוערְטֶער אוּן וואוּנְדֶערְט זִיךְ אוּן רוּפְט זִיךְ אָן "וִוי קֶען דֶער רֶבִּי זָאגְן אַז בַּיי מִיר אִיז גֶעלְט נִישְׁט חָשׁוּב וֶוען עֶס אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר טֵייעֶר?".

הָאט דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְפֶערְט "קוּם לָאמִיר דִיר וַוייזְן וִוי בַּיי מִיר אִיז גֶעלְט חָשׁוּב אוּן בַּיי דִיר נִישְׁט. וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיין גֶעלְט? אִיךְ קוֹיף מִיט דֶעם פֶעסֶער וַויין, אַסַאךְ מְזוֹנוֹת, אוּן אִיךְ גֶעבּ פַארְן אָרִימַאן אַ גְלֶעזְל וַויין מִיט אַ שְׁטִיקְל קִיכְן, דֶער אָרִימַאן מַאכְט אַ בְּרָכָה בּוֹרֵא פְּרִי הַגֶפֶן אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַ בּוֹרֵא מִינֵי מְזוֹנוֹת, אוּן אִיךְ עֶנְטְפֶער אָמֵן, הָאבּ אִיךְ שׁוֹין צוּרִיק גֶעמַאכְט מַיין חֵלֶק פוּנֶעם גֶעלְט. נָאכְדֶעם גֶעבּ אִיךְ פַאר נָאךְ אוּן נָאךְ אָרִימֶעלַייט אוּן זֵיי מַאכְן אוֹיךְ דִי בְּרָכוֹת, אִיז דָאס אִיז שׁוֹין אַלֶעס כּוּלוֹ רְוָוחִים פוּן וָואס אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעלֵייגְט. דָאס אַלֶעס טוּ אִיךְ וַוייל בַּיי מִיר אִיז גֶעלְט חָשׁוּב, וִויל אִיךְ טוּן מִיט דֶעם זַאכְן וָואס אִיךְ בַּאקוּם אַסַאךְ אוֹיף צוּרִיק.

וִוידֶערְאוּם בַּיי דִיר אִיז גֶעלְט נִישְׁט חָשׁוּב, וַוייל דוּ אַרְבֶּעטְס וִוי אַ חֲמוֹר טָאג אוּן נַאכְט צוּ פַארְדִינֶען גֶעלְט, גֶעבְּסְט נִישְׁט פוּן דֶעם קַיין שׁוּם צְדָקָה. וֶוען דוּ וֶועסְט גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט וֶועלְן קוּמֶען דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן זִיךְ צוּטֵיילְן מִיט דִי יְרוּשָׁה אוּן נֶעמֶען דִי גֶעלְט אוּן עֶס אוֹיסְנוּצְן אוֹיף שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים אוֹיף מִינְדֶערְוִוירְטִיגֶע זַאכְן, נוּ? וָואס וֶועט שׁוֹין וֶוערְן פוּן דַיין גֶעלְט? אִיז בַּיי דִיר גֶעלְט נִישְׁט חָשׁוּב, אוּן בַּיי מִיר יָא."

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיסְגֶעפִירְט: תַּאֲוַת מָמוֹן אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ מְצִיאוּת פוּן דִי גֶעלְט, אוּן עֶר וִויל עֶס נָאר הַאלְטְן בַּיי זִיךְ עֶס זָאל וַואקְסְן אוּן וַואקְסְן, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן נִיצְט דָאס גֶעלְט צוּ וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט שַׁיינְט דִי גֶעלְט אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת אוֹיפְן מֶענְטְשׁ.

אֵיינְמָאל אִיז אַן עֶלְטֶערֶער אִיד מִיט אַ וַוייסֶע בָּארְד, אָנְגֶעטוּן מִיט רֶבִּי'שֶׁע קְלֵיידֶער, גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אַז עֶר וִויל רֶעדְן פְּרִיוַואט עֶפֶּעס גָאר וִויכְטִיג. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִים אַרַיינְגֶערוּפְן אִין זַיין צִימֶער צוּ הֶערְן דִי סוֹד וָואס עֶר וִויל אִיבֶּערְגֶעבְּן, הָאט דֶער עֶלְטֶערֶער אִיד אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אַז עֶר הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גֶעדַאנְק וִויאַזוֹי צוּ פַארְדִינֶען גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן עֶר וִויל נֶעמֶען מוֹהֲרָא"שׁ פַאר אַ שׁוּתָּף, עֶר הַאלְט אַז מוֹהֲרָא"שׁ וֶועט זַיין גוּט פַאר דֶעם.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ פַארְוואוּנְדֶערְט צוּ הֶערְן אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי סוֹד וָואס עֶר הָאט אַזוֹי וִויכְטִיג גֶעדַארְפְט רֶעדְן פְּרִיוַואט. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ פְּרוּבִּירְט אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן אִים זָאגֶענְדִיג אַז עֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר בָּרוּךְ הַשֵׁם, אוּן עֶר דַארְף נִישְׁט קַיין שׁוּם הַמְצָאוֹת פַאר גֶעלְטֶער, נָאכְדֶערְצוּ אַז מֶען דַארְף וֶוערְן אַ שׁוּתָּף מִיט אֵיינֶעם אִיז עֶס זִיכֶער נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט.

הָאט דֶער אִיד זִיךְ אָנְגֶערוּפְן פַאר מוֹהֲרָא"שׁ: אוֹיבּ מוֹהֲרָא"שׁ אִיז יָא אַזַא גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר וָואלְט עֶר גֶעוָואלְט הָאבְּן אַן הַלְוָאָה פַאר אַ שְׁטִיק צַייט... הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט אַז עֶר אִיז יֶעצְט זֵייעֶר פַארְנוּמֶען, אוּן עֶר הָאט אִים אָפְּגֶעזֶעגֶענְט.

שְׁפֶּעטֶער הָאט מוֹהֲרָא"שׁ פַארְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן גֶעזָאגְט: וֵויי אִיז אַ מֶענְטְשׁ אַז זַיין סוֹד אִיז וִויאַזוֹי מֶען קֶען אוֹיפְקוּמֶען מִיט אַן הַמְצָאָה צוּ מַאכְן גֶעלְט, מֶען דַארְף אוֹיפְקוּמֶען מִיט הַמְצָאוֹת וִויאַזוֹי פַארְדִינֶען עֶס זָאל בְּלַייבְּן דִי רְוָוחִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וָואס דָאס בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג.

(שיחות מוהרא"ש חלק י', תאות ממון)

דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

פ'

פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

דֶער רֶבִּי צִיעֶט זִיךְ אַרַיין אִין שְׁטָאט אוּמַאן.

שַׁבָּת פַּרְשַׁת רְאֵה אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען אִין אוּמַאן, עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אִין הוֹיז פוּן אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, ר' אַבְרָהָם חַיִּים, אוּן קֶעגְן אִיבֶּער דִי אַכְסַנְיָא אִיז דֶעמָאלְט אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אַ גְרוֹיסֶער רוּסִישֶׁער גֶענֶעַראל.

דִי שְׁטָאט אוּמַאן אִיז אִין יֶענֶע צַייט גֶעוֶוען פוּל מִיט חֲכָמִים אוּן בַּאקַאנְטֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ פֶעסְטוּנְג פַאר מַשְׂכִּילִים, אִין שְׁפִּיץ פוּן חֵייקְל הוֹרְוִויץ אוּן זַיינֶע צְוֵויי אֵיידֶעמֶער, הִירְשׁ בֶּער הוֹרְוִויץ אוּן מֹשֶׁה לַאנְדָא.

זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען עֲשִׁירִים אוּן חֲכָמִים, אוּן נָאנְט מִיט דִי מְלוּכָה. הִירְשׁ בֶּער הוֹרְוִויץ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט צוּם קֵייזֶער, עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּנֶעם קֵייזֶער אַ מַתָּנָה אַ גָאלְדֶענֶעם שְׁוֶוערְד, אוּן מֹשֶׁה לַאנְדָא אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער, אוּן בֵּיידֶע זֶענֶען גֶעוֶוען תַּלְמִידִים פוּן דֶעם מַשְׂכִּיל נַפְתָּלִי הִירְץ וִויזֶעל, דֶער מְחַבֵּר פוּנֶעם סֵפֶר "יַיִן הַלְּבָנוֹן".

[דֶער סֵפֶר אִיז אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת, אוּן אִיז גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן מִיט אַן הַסְכָּמָה פוּן הֵיילִיגְן גָאוֹן דֶער בַּעַל נוֹדַע בִּיְהוּדָה זי"ע, דִי טָמֶא'נֶע שְׁלֶעכְטֶע כַּוָּנָה פוּן דֶעם מַשְׂכִּיל נַפְתָּלִי הִירְץ וִויזֶעל אִיז גֶעוֶוען צוּ פַארְנַארְן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק, דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט אִים נָאר גֶעוִויזְן דֶער חֵלֶק פוּנֶעם סֵפֶר וָואס אִיז אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת, אוּן צוּם עֶרְשְׁט הָאט עֶר נָאר גֶעדְרוּקְט דֶעם חֵלֶק וָואס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען גוּט. אָבֶּער דֶער עִיקָר חֵלֶק פוּנֶעם סֵפֶר הָאט נָאךְ גֶעפֶעלְט, עֶר הָאט גֶעהַאט בַּיי זִיךְ אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אַ דִיקְן בּוּךְ מִיטְ'ן נָאמֶען "יַיִן הַלְּבָנוֹן", פוּל מִיט מִינוּת וּכְפִירוֹת וְאֶפִּיקוֹרְסוּת, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן עֶר הָאט דָאס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין מַאֲמָרֵי חֲזַ"ל פוּן מַסֶּכֶת אָבוֹת.

זַיין חֶשְׁבּוֹן אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט שְׁפֶּעטֶער אִיבֶּערְדְרוּקְן דֶעם סֵפֶר, אוּן דַאן צוּלֵייגְן זַיינֶע דֵעוֹת כּוֹזְבוֹת, אוּן עֶר וֶועט קֶענֶען פַארְנַארְן דֶעם עוֹלָם אַז עֶר הָאט אַן הַסְכָּמָה דֶערוֹיף פוּן הֵיילִיגְן נוֹדַע בִּיְהוּדָה, אִין דִי צַייט וָואס דֶער סֵפֶר וָואס עֶר הָאט גֶעוִויזְן פַאר דֶעם צַדִּיק הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין וָוארְט פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. דִי כְּתַב יַד פוּן דֶעם טָמֵא'נֶעם בּוּךְ אִיז גֶעלִיגְן בַּיי הִירְשׁ בֶּער].

דִי דְרֵיי, חֵייקְל אֶפִּיקוֹרוֹס [וִוי דִי שְׁטָאטְ'ס לַייט הָאבְּן אִים גֶערוּפְן], מִיט זַיינֶע צְוֵויי אֵיידֶעמֶער, הִירְשׁ בֶּער הוֹרְוִויץ אוּן מֹשֶׁה לַאנְדָא, זֶענֶען גֶעוֶוען מַמָּשׁ אַ מֵצַח הַנָּחָשׁ, נָחָשׁ שָׂרָף וְעַקְרָב, זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקֵייטְן, מַשְׂכִּילוֹת, מִיט כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת, עַפְרָא לְפוּמֵיהוּ. זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט צְוִוישְׁן זִיךְ אַ בּוּנְד מִיט אַ שְׁבוּעָה נִישְׁט צוּ דֶערְמַאנֶען דֶעם נָאמֶען פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זֵייעֶר מוֹיל, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן שְׁטָאט הָאבְּן זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן זֵיי, וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען קְרוֹבִים לְמַלְכוּת, נָאנְט מִיטְ'ן קֵייזֶער.

סְפֶּעצִיעֶל הָאבְּן זֵיי גֶעקְרִיגְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף דִי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אוּן פוּן הֵיילִיגְן מַגִּיד זי"ע, דִי גְרוֹיסֶע בַּאקַאנְטֶע צַדִּיקִים פוּן יֶענֶעם דוֹר. זֵייעֶר סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען אַז גְלַייךְ וֶוען סְ'אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ בַּאקַאנְטֶער צַדִּיק צוּם שְׁטָאט אוּמַאן, הָאבְּן זֵיי גֶעטוּעֶן אַלֶע פְּעוּלוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט אִים צוּ פַארְטְרַייבְּן פוּן דָארְט.

דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי, דֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע, הָאט אַמָאל גֶעוָואלְט וֶוערְן רָב אִין שְׁטָאט אוּמַאן, אוּן זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט. אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי יַעֲקֹב שַׁמְשׁוֹן מִשְׁפִּיטִיוְוקָא זי"ע הָאט גֶעוָואלְט דָארְט וֶוערְן רָב אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעלָאזְט.

וָואס הָאט זִיךְ וַוייטֶער אָפְּגֶעשְׁפִּילְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה



וואלקן קראצער דיעלס

ישראל דוד העסקעל

שמואל חיים איז גאר אן ערנסטער חברה'מאן. וואס זאל איך אייך זאגן, ווי אזוי זאל איך עס אייך ערקלערן, בלויז צו קענען זיין אין שמואל חיים'ס קאנטאקטס קאסט שוין אן אפותיקי. שמואל חיים סעיווד נישט סיי וועם, ניין, שמואל חיים לייגט אריין אין טעלעפאן דיין נאמבער נאר אויב דו האלטסט דערביי, שמואל חיים קען נישט ברענגען צייט מיט איינער וואס ער האט א הוה אמינא אז יענער איז נישט אינגאנצן "אין"...

צו שמואל חיים קומען נישט אן סתם דיעלס... נאאאאא... צו שמואל חיים קומען אן נאר דיעלס וואס הייבן זיך אן פון צען מיליאן און העכער. דאס איז נישט קיין וויצן! מ'קען נישט פארברענגען צייט מיט קינדערלעך וואס שפילן נאר קלענערע נומערן, פאר זיי איז דא אנדערע בראוקערס... אפשר איין טאג וועלן זיי אויך זוכה זיין.

נישט נאר דאס, נאר ס'קען נישט סתם איינער צוקומען רעדן צו אים, ס'איז דא פאר דעם אונטערטאנען, ער האלט אויף א גאנצע שטאב וואס זייער אויפגאבע איז צו רעדן צו די קליענטן, ווייל ער אליין איז גאר א פארנומענער מענטש און גאר א גרויסער פערזענלעכקייט!

דו ווילסט זיך טרעפן מיט שמואל חיים אליין? נָא נָא ווארט א צוויי חדשים פאר אן אפוינטמענט...

שמואל חיים איז געווען דער סאמע גרעסטער ריעל עסטעיט בראוקער אין ברוקלין, ער האט זיך צושטייטלעך ארויפגעשלייכט דעם ריעל עסטעיט לייטער, ביז נאך יארן יארן הארעוואניע איז ער ענדליך אנגעקומען צו זיין פאזיציע פון קענען בראוקערן דיעלס, נישט פון דירות, נישט פון הייזער, נאר פון ריזיגע וואלקן-קראצער בנינים וואס יעדע אזא דיעל ברענגט אים אריין גראד אפאר מיליאנען!

שמואל חיים איז אויפגעקומען מיט א מעכטיגע טאקטיק נאך פון אנפאנג פון זיין קאריערע, זיין טאקטיק איז געווען אז ער האט זיך באהאלטן פון די מענטשהייט, ער פלעגט בלאזן פון זיך א רוח, געבלאזן ווי מעכטיג ער איז, און ווי אזוי ווער עס נוצט

אים איז א זיכערער מוצלח, ווייל זיינע דיעלס האבן נאך קיינמאל דערלייגט! און אויף זיינע דיעלס זענען שוין געווארן מערערע גרויסע עשירים נאר דורך אים.

נאכן גוט בלאזן פון זיך פלעגט ער נעלם ווערן, משה זוך מיך, דער בחור איז נישט דא! ער האט פארלאשן זיין טעלעפאן און פשוט כפשוטו נעלם געווארן...

אזוי איז אריבער עטליכע וואכן... נאך א שטיק צייט פלעגט ער שיקן איינע פון זיינע ארבעטער צו די גאר גרויסע עשירים און זיי געזאגט אז זיי האבן א וועג אנצוקומען צום גאר גאר גרויסן מעכטיגן בראוקער צו וועמען קיינער קען נישט צוקומען, און ער האט יעצט א דיעל ממש איינס אין די וועלט, אבער נישט דא קיין איבערטראכטן, ווארטן, דורכשמועסן, דורכשלאפן, אויב וויל מען א 'שמואל חיים דיעל' דארף מען זיין גרייט אריין צו דייוועו העד פורסט!

אזוי נאכן זאגן עטליכע לשם יחוד'ס און אנטון דעם גארטל, גייט דער עושר ארויף אויפן עלעוועיטער אנצוקומען צום עלעפטן שטאק צום שמואל חיים'ס אפיס...

דער שמואל חיים האט דעם עושר געלאזט ווארטן אין ווארט צימער פאר א גוטע צוואנציג מינוט, אים נאך א טראפ געבן א גוטע צי' אן, ביז ענדליך בָאזוט ער דעם בַעל און לאזט אים אריין אין אפיס.

מיט א פאלשע שמייכל גיסט שמואל חיים אן א גלעזלע ברוינפן פאר דעם צומישטן עושר און זאגט אים: "קום טרינק, קודם מאך א לחיים, שפעטער וועלן מיר שוין רעדן ביזנעס..."

נאכן זיך נאכפרעגן אויף אלע זיינע אייניקלעך געבט ער א צי' ארויס א גראבן קאנטראקט וואס איז שוין פון פריער געווען אנגעצייכנט מיט סטיקערס פונקטליך וואו מ'דארף סיינען, ער דערלאנגט אים אהין א טייערע פען און זאגט אים "היינט איז דיין לאקי טאג! דו גייסט גאר גאר רייך ווערן פון דעם דיעל".

דער עושר בלית ברירה וויסנדיג אז ער זיצט דא מיטן גרויסן שמואל חיים אליין, צו וועמען קיינער קען נישט צוקומען, און ווער ס'מאכט נאר מיט אים ביזנעס איז ממש אויסטערליש מצליח... האט ער אפילו נישט איבערגעקוקט דעם קאנטראקט, נאר גראד געפאלגט וואס דער שמואל חיים האט געהייסן, און גע'חתמ'עט אויף א דיעל וואס האט נישט

קיין הענט און קיין פוס.

די פראצענטן פארן בראוקער איז פארשטייט זיך געווען לבנה פרייזן, ס'האט נישט געהאט קיין ברעקל זינען, אבער אויף שמואל חיים ווער וואגט זיך בכלל צו פרעגן?

שמואל חיים איז טאקע געווארן א גרויסער מוצלח, ער פלעגט אפברענגען טעג און נעכט צו שאפן דיעלס, שפילן געימס מיט מענטשן, און פארשטייט זיך פארדינען גראבע סומעס.

פאר מנחה מעריב איז פארשטייט זיך נישט געווען קיין צייט.... כ'מיין לצורך פרנסה מ'דארף דאך מאכן געלט... כ'מיין כ'האב געהערט אז ס'דא עפעס א שיטה אז מעריב איז נאר א רשות, און מנחה, שוין, מארגן וועט מען דאווענען מנחה, ווייל יעצט איז אריינגעקומען די דיעל פונעם לעבן, און דא אין ווארט צימער זיצט שוין גרייט א פעטן פישל וואס גייט דעם דיעל נעמען, און די פראצענטן.... אהההה מ'רעדט דאך פון מיליאנען!!!! מנחה וועט מוזן ווארטן.

אזוי איז עס געווען קודם נאר מעריב און נאכדעם נאר מנחה און דערנאך שוין שחרית אויך, און מיט די צייט האט ליידער אויך די תפילין זיך געשעטלט ווארטן וואכן און חדשים, און פאר וואו וואס, איז שוין אדורכגעפלויגן עטליכע יארן ה"י.

דער ראש ישיבה זאגט אלץ אז אויב פארפאסט מען א תפילה אין שול וועגן פרנסה וועט זיך די געלט נישט האלטן!

איי שמואל חיים איז דאך אן עושר אדיר, זעהסט דאך אליין אז - - - - - (נעבעך פאר א מענטש וואס האט קשיות אויף צדיקים)...

דער ראש ישיבה זאגט אלץ (אויך ווען מען רעדט וועגן שניידן די בארד) ווארט צו ביזן סוף, די מעשה איז נאכנישט געענדיגט...

אוי א בראך אוי די בזיונות - וואס איז געשען? פרעג נישט, ער האט אריינגעשטעקט כמעט זיין גאנצע געלט אין א ריזיגע פראדזשעקט וואס איז געגאנגען פייפן, די שטאט האט נישט געגעבן די נויטיגע פערמיטן, די באנק האט נישט געהאלטן ביים ווארטן, און מיט קוים א וואך טרעפט זיך דער שמואל חיים אן קיין דאלער אין טאש.

דאס איז נאך געווען די קליינע צרה... וואס וועט ער ענטפערן פאר די אינוועסטערס?? וואו אזוי וועט ער זיי קוקן אין פנים אריין? ער האט פרובירט צו דרייען מיט ליגענטס צו שטופן אביסל צייט, אבער דער אמת איז גאנץ שנעל ארויס, און איבערנאכט איז די גאנצע רעפוטאציע פונעם 'גרעסטן ריעל עסטעיט בראוקער' אריין אין אדמה, און דער שמואל חיים טרעפט זיך איזאלירט, ער גייט אויפן גאס קיינער קוקט אים נישט אן, קיינער לויפט אים נישט נאך, קיינער וויל קיין ווארט מיט אים אויסטוישן, די גאנצע ביזנעס פון יארן הארעוואניע, זיין גאנצע פרעסטיזש, אלעס איז אין דער ערד אריין.

יוסי איז גאר א פיינער אינגערמאן יעדער דא קען אים, א געשמאקער א צוגעלאזענער, און איבער אלעם אן ארנטליכער, ער לאזט זיך אריין אינעם עולם המסחר און גייט אריין אין די פעלד פון בראוקערידזש.

ער האט א קלארע מהלך ווי אזוי ער גייט

עס מאכן, זיין מהלך איז אז פאר ער טוט עפעס, פרעגט ער זיין מורה דרך, איז עס אויסגעהאלטן? מעג איך אזוי טון?

די צווייטע סטעפ פונעם מעטאד ווי אזוי מ'גייט מאכן פרנסה איז פארשטייט זיך, נישט מוותר זיין אויף שחרית מנחה מעריב אין ביהמ"ד אזוי ווי אן ערליכער איד, ווייל נאר אזוי קען קומען שפע.

אין א ווינטערדיגע קאלטע דינסטאג נאכמיטאג לאזט זיך יוסי ארויס צו ווייזן א קליענט זיינעם א פראפערטי, ער דרייט זיך ארויף און אראפ, פארענטפערט יענעמ טויזנט און איין פראגן. אינמיטן כאפט ער א בליק אויפן זייגער - - אוי באשעפער מ-נ-ח-ה!!!!

ער זאגט דעם איד "אנטשולדיגט זיי מיר געזונט און שטארק, דער שאווינג ענדיגט זיך זאפארט! איך מוז לויפן דאוונען מנחה".

דער יעניגער קוקט אים אן "ביסטו אראפ פון זינען? דו האלטסט דאך אינמיטן מיך ארום ווייזן דא, מ'פירט זיך נישט אזוי אויף צו א קליענט, דו קענסט מיך נישט אזוי איבערלאזן אינמיטן קוקן די פלאץ".

יוסי ווייסט נישט פון קיין מעשיות " מנחה בין איך נישט מוותר, געגאנגען, מ'וועט שוין ענדיגן א צווייטע מאל!"

אויסגעזען האט עס ווי ער האט פארלוירן דעם דיעל... וועגן א מנחה, ווי אזוי קען זיין? איך האב געמיינט אז אויב דאוועט מען מיט מנין באקומט מען שפע? ווי אזוי קען זיין אז ----- (נעבעך פאר מענטשן וואס האבן קשיות אויף צדיקים...)

עטליכע חדשים זענען אריבער און יענער האט מחליט געווען אז ער וויל קויפן דעם דיעל. יוסי איז געווען דער בראוקער, און אריינגעקעשט א פיינעם אפותיקי, און ברוך השם קיין תפילה חלילה נישט אויסגעלאזט. ווייל אויב א צדיק זאגט אז דאווענען מיט מנין ברענגט שפע און חלילה פארקערט פארלירט מען צום סוף אלעס, איז עס אזוי, איי יעצט אויפן סעקונדע קוקט אויס אנדערש ווי דער צדיק זאגט? ווארט ביזן סוף פונעם מעשה.

שכח אייבערשטער אז מיר גלייבן אין צדיקים, מיר האבן נישט קיין קשיות אויף צדיקים, שכח אייבערשטער אז מיר האבן א ראש ישיבה וואס וועקט אונז אויף פון שלאף נאכמאל און נאכאמאל און שלעפט אונז אריין אין שול דאווענען, מען זאל חלילה נישט אויסלאזן קיין תפילה.

שכח אייבערשטער אז מיר זענען מקורב צו א צדיק וואס דערמאנט אונז פון תכלית, פון נצחיות, פון עפעס וואס קיינער קען מיך נישט צו נעמען, ווייל די געלט מיט די ביזנעס איז באלד שוין נישט דא, אבער די תפילין מיט די דאווענען, מיטן בלעטעלע גמרא, און די פרקים משניות, וועט דיר קיינער נישט קענען צו נעמען, דאס בלייבט אויף אייביג.

אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!

מעשיות
פון תפילה

ז. רובינשטיין
קרית יואל

איך האב געהאט אלע קינדער אינדערהיים נאכן נישט האבן קיין סקול, און דעי קעמפ האט זיך נאכנישט געהאט אנגעהויבן. לכבוד דעם איז די הויז געווען איבערגעדרייט מער ווי נארמאל, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז די ערל'טע וואס רייניגט ביי מיר זאל קענען אנקומען צו מאכן די הויז ריין אפילו ס'איז דא מער ארבעט צו מאכן און ס'איז שווערער צו רייניגן.

שכח אייבערשטער אז זי האט געמאכט א פיינעם ארבעט, זי האט גערייניגט הערליך שיין אין די פאר שעה וואס זי קומט געווענליך.

נאכדעם האט זי געזאגט אז זי פלאנט מער נישט צו קומען, איך האב מיך ברוך השם נישט פארלוירן, איך האב געדאנקט דעם אייבערשטן פאר ביז יעצט, און איך בעט דעם אייבערשטן ער זאל מיר צושיקן א פרישע שליח וואס זאל מיר קענען מאכן די הויז ריין.

ח.ש. פעלבע-רבוים
קרית ברסלב

איך האב געכאפט א שיינע שפאציר מיט מיין בעיבי אין גאס, אינמיטן כאפ איך זיך אז די שיינע ברוינע דעקע וואס מעטשט צו איר סוועטער איז נישטא. איך בין צוריקגעגאנגען די וועג צו עס טרעפן, אבער איך האב עס נישט געטראפן.

איך האב זיך געכאפט, וואס דארף איך זיין פארלוירן אויב איך ווייס פון בעטן דעם אייבערשטן. אזוי ווי איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן זע איך עס ליגן אויף דער ערד ביי די אנדערע זייט גאס.

שכח אייבערשטער פאר די געוואלדיגע עצה פון בעטן דעם אייבערשטן.

פ. ראטה
קרית ברסלב

בערך פיר יאר צוריק ביי מיין ערשטע בעיבי, האב איך באקומען א מתנה - א מאביל וואס מ'לייגט ארויף ביי די בעיביס קריב, ס'דרייט זיך און ס'זינגט.

למעשה איז עס נישט אויסגעקומען צופיל צו ניצן. יעצט איז מיין בעיבי די AGE וואס ער וואלט עס געקענט אזוי גוט ניצן. איך בין געגאנגען עס אויפזוכן אין ביעסמענט, כ'האב נישט געוויסט אויב כ'וועל עס טרעפן, נאכן מופן צוויי מאל זייט דעמאלט.

כ'האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן, כ'האב למעשה געטראפן כמעט אלע שטיקלעך, אבער די עיקר שטיקל האט געפעלט.

איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן, איך דארף עס אזוי וויכטיג האבן. איך האב געזאגט פארן אייבערשטן: "אייבערשטער אויב איך טרעף עס וועל איך עס מפרסם זיין".

שכח אייבערשטער ממש א סקונדע נאכדעם האב איך עס געטראפן ליגן צווישן אלע זאכן אין סטארידזש.

845-379-1161
136 Huschke Rd Hurleyville NY 12747
Breslevofficeliberty@gmail.com

ש.ל. פליישמאן

שיינער אין גראמען

ב' בהעלותך תשפ"ד

אמונת צדיקים

איך טראכט מיר איבער אין בעט,
וואס דער ראש ישיבה האט גערעדט...
ווי פאנגט מען אן צו שרייבן שירים,
פון אזעלכע רייכע דיבורים?

קורץ נאכן מעמד הר סיני,
און עגל! א הימל געשריי!!
די פרויען מיט אמונה בלייבן "געטריי",
מען קען נישט באקומען געלד פון זיי...

קשיות אויפן צדיק געטוהן פרעגן,
פון וואו האט משה רבינו זיין פארמעגן?
די נדבות נוצט ער פאר זיינעט וועגן...
א דין וחשבון פארן פאלק דארף ער ברענגן...

אויך מרים און אהרן אפילו (!)
פאלן דורך מיט לשון הרע שטילע;
טרעפן אויף משה רבינו א קולא,
וואס זיי טייטשן אויס נישט לכתחילה...

יעצט, נאך שבועות פון הימל מען קוקט,
מען האט אונז נאכאמאל די תורה געשיקט
וועלן מיר מיט איר בלייבן צוגעדרוקט,
אבער ח"ו פאר א עגל ווערן אנציקט?

"באשעפער העלף מיר זאלן נישט טאנצן,
פאר א גאלדענע עגל מיט פאלשע גלאנצן,
טוה אין אונזערע הערצער איינפלאנצן,
א לויטערע **אמונת צדיקים** אנגאנצן..."

Ez Homemade Bagels

BY: H. JAY

INGREDIENTS:

- 2 & 1/4 teaspoons, dry Yeast.
- 1 & 1/2 cups warm water.
- 3 tablespoons sugar
- 4 & 1/3 cups Flour.
- 1 tablespoon salt.

DIRECTIONS:

Put In a mixer, combine yeast, water, and sugar. Let the mixture sit until bubbles form. Add flour, salt. mix on medium speed for 3 minutes, or until very well combined.

Let dough rise for 45 minutes. Preheat oven to 350 degrees fahrenheit.

Divide the dough into 8 pieces. Roll each piece into a bagel shape (a thicker circle with a smaller center looks).

Fill a medium-sized pot halfway with water, and bring the water to a boil.

Place 1 bagel at a time into the water (if you have a larger pot, you can do more than 1 at a time; just be sure that each bagel has space and they are not touching each other).

Let it cook on each side for 30 seconds. Remove from water and place onto a cookie sheet. Sprinkle with everything spice and bake for 20-30 minutes.

פאר די ברסלב'ע שטוב

מ. פאפענהיים

קרח'ס שכן

די טיש איז הערליך געדעקט, די עסן שמעקעדיג גרייט, זי זעצט זיך אראפ אויפן טייערן טעפיכל אפווארטן איר מאן, באטראכטנדיג די פרוכט פון איר הארעוואניע. ווער וואלט געגלייבט אין די שווערע פאריאגטע יארן אז איך וועל נאך האבן די צייט זיך אזוי אפצוגעבן מיט א טאג טעגליכע נאכטמאל?

אט הערט זיך די באקאנטע טריט און די טיר פון געצעלט עפנט זיך, "א גוטן אוונט!" גריסט זי מיט א פריינדליכן שמייכל, איר מאן ענטפערט איר מיט א האלבע קאפ שאקל און זעצט זיך אוועק פארטראכטערהייט אין נאנטסטן קישעלע. עפעס איז געשען - באמערקט זי שטילערהייט צו זיך, איר פיפטן חוש צינדט זיך אן, וואס מיינט עס אז ער איז אזוי פארטראכט? ער איז פשוט נישט דא. ער באמערקט נישט די גרייטע עסן, דעם שיינעם טיש, עפעס גייט פאר.

אפילו אין די שווערע ביטערע יארן, ווען ער האט בכלל נישט געוואלט לעבן, ער איז נישט געווען אינטערעסירט אין גארנישט, ער איז כמעט נישט געווען אינדערהיים, האט אבער פארט גוטע עסן גערעדט צו אים, און ווען ער האט

געזען די גוטע פרישע פיש, וואס זי האט צוגעשטעלט האט ער פארגעסן אויף אפאר מינוט פון אלע צרות.

"א גוטע נאכט! - פראבירט זי נאכאמאל - וואס מאכסטו? ווי אזוי געווען דיין טאג היינט?"

ער צוטרייסלט זיך "ברוך השם! פיין! אה! אזוי שיין צוגעגרייט די עסן!" ענדליך באמערקט ער איר שיינע ארבעט, "זייער גוט, קום גיין עסן, איך דארף נאכדעם וויכטיג ארויסגיין זיך טרעפן מיט עטליכע מענטשן."

"וואס איז דא אזוי וויכטיג צו ערלעדיגן היינט ביינאכט?" פרעגט זיך פארוואונדערט

ער קאכט זיך אויף "שרעקליכע זאכן!!! מען פארדרייט אונז דא א קאפ! מענטשן טוען וואס זיי ווילן, און זאגן דער אייבערשטער האט געהייסן!!! איך זאג דיר! ער וויל נאר פירן! ער וויל נאר כבוד! ער וויל נאר מאכטן! און כדי עס צו דערגרייכן זאגט ער אייבערשטער! און עולם גולם גלייבט נאך אין אים! אלעס איז פראטעקציע, אלעס גייט מיט אייגענע נגיעות. קודם דרייט ער אונז ארום אין מדבר, און כדי צו מאכן זיכער אז אלע זענען מיט אים, מאכט ער אז זיין ברודער זאל אים צוהעלפן, און טאמער איז עס נישט גענוג נעמט ער נאך אויף זיין פלומעניק אויף די גאנצע משפחה!!!"

צענדליגער רויטע לעמפלעך צינדן זיך אן אין איר מח, וואס גייט פאר? צו רעדט ער אויפן רבי'ן אליין??? ניין, עס קען נישט זיין!!! איך האב נישט גוט פארשטאנען.

"איין מינוט! איך קען פארשטיין פונקטליכער פון וועמען מען רעדט דא?".

ער לאזט אראפ זיין קול, אבער מען דערקענט נאך אז ער איז זייער צושטורעמט, "פריער האב איך גערעדט מיט קרח, קענסט זיי? זיי וואוינען דא בשכינות."

זי שאקלט צו מיטן קאפ, "זיכער קען איך זיי, זייער א חשובע משפחה, פון די לווים אליין, עס איז באוואוסט אז זיי האבן אפילו רוח הקודש"... ער שאקלט מיטן קאפ, "פארשטייסט? קרח זאגט אז וואס עפעס דארף אהרן זיין דער כהן גדול? אלע אידן זענען דאך הייליג, חשוב און טייער, פארוואס זאלן אונז נישט אלע קענען זיין כהנים און מקריב זיין קרבנות פארן אייבערשטן?".

יעצט שפירט זי ווי די בלוט קומט איר ארויף אין קאפ, "וואס הייסט? אזוי האט דאך משה רבינו געהייסן!".

"דאס איז דאך דער פראבלעם דא! אז משה רבינו טוט וואס ער וויל, און ער זאגט דער אייבערשטער האט געהייסן! קרח איז דאך א לוי, א אייניקל פון קהת. קהת האט פיר זין, עמרם איז דער עלטסטער, און ער האט א זון משה, ער פירט די אידן. וואלט נישט עמרם'ס צווייטער זון געדארפט זיין כהן גדול, נאר דער זון פון יצהר - דער צווייטער זון פון קהת - קומט אויס אז קרח דארף זיין כהן גדול, און אויב נישט כהן גדול, כאטש נשיא. למעשה מאכט משה רבינו נשיא פאר אליצפן בן עוזיאל, וואס עוזיאל איז דער קלענסטער ברודער פון עמרם און יצהר, מיינט עס איין זאך אז משה בן עמרם וויל נאר פירן! און ער זאגט אלעס איז דער אייבערשטער, דער אייבערשטער האט געהייסן! אזוי פאלגט מען אים."

עס ווערט איר שלעכט, עס וויל זיך ארויסשרייען 'הייליגער באשעפער! מיין מאן רעדט אויף משה רבינו, און ער איז אזוי אויפגערעגט, אזוי צורודערט, עס זעט נישט אויס אז ער קען עפעס הערן, אז איך קען אים אויפווייזן אז אונז דארפן נישט אלעס פארשטיין'.

ער באמערקט נישט בכלל איר שטורעם, ער איז ווייטער ממשיך צו שיסן: "עס איז נישט פשוט ווי עולם גולם לאזט זיך פארפירן, איך וויל באלד ארויסגיין מיט נאך מענטשן אויפווייזן פאר יעדן, אז מען קען נישט טון מיט אונז וואס מען וויל!!!"

זי שפירט ווי די וועלט האט זיך געענדיגט, טאטע זיסער, וואס טוט איך דא? איך וויל זיך אוועקשטעלן ביים טיר און שרייען, ניין! דו גייסט נישט אין ערגעץ!!! מען טאר נישט קריגן אויף א צדיק!!! אבער זי ווייסט גוט אז אויף אזא וועג קען אפשר זיין אז זי וועט אויספירן אויף די מינוט, אבער די גאנצע שטוב וועט נאכדעם גיין אין דער ערד, ער וועט שפירן אז ער האט פארלוירן זיין כבוד אין אירע אויגן, די ליבשאפט וועט ווערן

צו קען א פרוי שטיין און צוקוקן ווי דער מאן טוט נישט ריכטיגע זאכן, און גארנישט זאגן? זי ווייסט נישט וואס צו טון, זי פילט זיך צוגעבונדן הענט און פיס.

אפגעקילט, ער וועט איר שוין מער נישט גלייבן, און מער נישט הערן בכלל וואס זי האט צו זאגן.

אבער הייליגער באשעפער! צו קען א פרוי שטיין און צוקוקן ווי דער מאן טוט נישט ריכטיגע זאכן, און גארנישט זאגן? זי ווייסט נישט וואס צו טון. זי פילט זיך צוגעבונדן הענט און פיס, טאטע זיסער! - בעט זי שטיל - אויב איך וועל שטיין אויף אים ווי א פאליס, אז איך לאז אים אין

ערגעץ נישט גיין, גייט עס אויפטון פונקט די פארקערטע, אבער איך טאר דאך אים אויף נישט צוהעלפן צו דעם, איז ו ואס זאל איך יא טון???

איך מיין אז דאס גיי איך טאקע טון, איך גיי אים נישט צוהעלפן, אבער אים אויך נישט מוסר'ן ווי א משגיח, איך קען אפשר פראבירן ווייכערהייט אים צורעדן ער זאל עס נישט וועלן טון פון זיין אייגענעם ווילן.

"מיין טייערער מאן! אפשר גייט מען קודם עסן נאכטמאל?" ער באטראכט א מינוט דעם שיינעם געגרייטן טיש, "זייער א גוטע עצה! דו האסט אזוי שיין צוגעגרייט, לאמיר זיך וואשן, נאכן עסן וועל איך קענען ארויסגיין".

נאכן אראפשלינגען די ערשטע ביסן, נעמט ער דעם ערשטן ווארט: "דו ווייסט? קרח האט אסאך העכערע השגות פון משה און אהרן, משה רבינו האט געהייסן נעמען א קלייד פון פיר עקן און ארויפלייגן אויף דעם נישט מער ווי איין בלויע בענדל אויף יעדן עק. קרח'ס רעבעצין האט אויפגענייט א הערליכע בלויע קלייד, די גאנצע איז בלוי' נישט נאר איין בענדל, און דו ווייסט וואס משה רבינו זאגט אויף דעם? אז עס איז נישט כשר! די גאנצע קלייד איז בלוי, וואס גייט שוין צוגעבן א קליין בענדל אויף יעדן עק???

עס קומט איר ארויף א ביטערן טעם אין מויל, הייסט עס אז קרח'ס ווייב איז די רעבעצין דא? זי קען איר גוט, זי האט אלעמאל געהאט אזעלכע חכמות, נאך אין מצרים האט זי איינמאל גערעדט מיט איר, נאך א שווערע פאריאגטע טאג, ווען איר הארץ איז אויסגעגאנגען צו איר מאן וואס איז אזוי פארשקלאפט אז ער איז נישט אינטערעסירט אין גארנישט, און קומט בכלל נישט אהיים, און זי האט זיך געפילט אזוי צוריסן נאכן ברענגען עטליכע זעקסלינגען אויף דער וועלט, האט א חבר'טע איר איינגערעדט צו רעדן מיט די רעבעצין פון די לווים אליין! אבער די רעבעצין האט איר בכלל נישט פארשטאנען, זי האט גערעדט פון העכערע השגות פון געבן פארן אייבערשטן מער וויפל מען איז מחויב... יעצט דרייט זי דא אן אז משה רבינו איז עפעס צו אראפגעלאזט צו די שוואכע...

אבער פאר איר מאן זאגט זי נאר, "וואס איז למעשה געווארן? וואס גייט זיין? קרח גייט זיין טאקע כהן גדול אדער אהרן?

דערציילט ער ווייטער, "משה רבינו האט געזאגט אז מארגן גייט מען זען וועמען דער אייבערשטער וויל האבן אלס כהן גדול, משה רבינו האט געהייסן אז ווער עס וויל זיין כהן גדול, זאל קומען מארגן מיט א פענדל מיט קטורת און מקטיר זיין פאר אייבערשטן, און וועמען דער אייבערשטער וועט וועלן וועט ווערן אנגענומען, דערפאר וויל איך יעצט ארויסגיין אויפקלערן פאר ווי מער מענטשן אין וועלכע טעות מיר לעבן, אז ביז מארגן זאל יעדע וויסן, און איך וויל טאקע אויך נעמען א פענדל מארגן צופרי

צוזאמען מיט יעדן".

עס באפאלט איר א שוואכקייט "דו האסט נישט מורא? אויב וועט דער אייבערשטער נישט וועלן אז אנדערע מענטשן זאלן מקטיר זיין קטורת, קען דאך דער אייבערשטער זייער צערענען, קום צו ווארטן, אויב קרח איז כהן גדול וועסטו דעמאלט גיין צו קרח, און אויב אהרן איז כהן גדול וועסטו גיין צו אהרן, לאמיר נישט זיין אריינגעמישט אין די גאנצע מחלוקת".

ער קוקט איר אן, "דו זאגט זייער ריכטיגע זאכן, אבער... אבער פארט..."

זי פראבירט זיך צו בעטן, "קום צו ווארטן... קום צו ווארטן ביז אויפצומארגנ'ס, מארגן וועט מען שוין זען ווער עס איז גערעכט..."

ער איז נאכנישט אינגאנצן איבערגעצייגט, "אבער איינער דארף דאך אויפווייזן ווער עס איז גערעכט, אויב מען וועט מיר קומען רופן וועל איך מוזן גיין..."

"קוק" רופט זי זיך אן, "דערווייל קומט נאך קיינער נישט, ווען מען וועט דיר רופן וועט מען שוין זען, איך זע אז דו האסט שוין ממש געענדיגט עסן, עס איז געווען גוט?"

"יא! די עסן איז זייער גוט געווען, דו מאכסט די בעסטע עסן פון די גאנצע וועלט!"

עס בליצט איר אויף א געדאנק, "אפשר ווילסט אביסל גוטע ווין צו ענדיגן געשמאק דעם נאכטמאל?" ער שטימט צו "נישט קיין שלעכטער פלאן, עס וועט מיר צוהעלפן צום פארדרייען".

זי גייט צו צום קריגל אין ווינקל, דארט וואו עס ליגט א ספעציעלע אלטע ווין, וואס איז אוועקגעלייגט פאר עקסטערע צייטן, און גיסט אים אן א פולן בעכער...

ער טרינקט עס אויס אויף איינמאל,

"אוי איז דאס גוט געווען!" "ווילסט נאך?" וואגט זי זיך צו פרעגן, "יא, עס ווערט נישט שאטן". אזוי גיסט זי אן נאך א כוס און נאך איינס... דאס איז עס, ער איז שוין גוט אנגעטרונקן, "איך זע אז דו ביסט מיד, גיין קום שלאפן אביסל". ער שטעלט זיך נישט אנטקעגן, ער פאלט אריין אין בעט און שלאפט ווי א שיכור...

זי גייט ארויס אויף די שפיץ פינגער און פארמאכט גוט דעם טיר, זי זעצט זיך אוועק אנמאכן און לאזט די טרערן פליסן פריי. הייליגער באשעפער! וואס ווערט יעצט זיין? איך פארשטיי פון זיינע מעשיות אז די שענסטע און חשוב'סטע משפחות קריגן אויף משה רבינו, און קיינער וואגט זיך נישט צו זאגן אנדערש, ווי וואלטן מיר געווען? ווי וואלטן מיר אויסגעזען ווען נישט משה רבינו נעמט אונז ארויס פון מצרים?! קאשמארע בילדער קומען איר ארויף פאר די אויגן, די ביטערע שווערע ארבעט, די עלנדקייט, די איינזאמקייט, און די ערגסטע, געגליבט אין די מצרי'שע אפגעטער, און געדינט צו זייערע עבודה זרות, נאר משה רבינו האט זיך געקענט אראפלאזן און ארויסנעמען די אידן פון די ערגסטע טומאות און זיי ברענגען צו די גרעסטע מדריגות.

זי דרייט זיך ארום און געצעלט און שפירט ווי זי קען נישט גיין שלאפן, פון צייט צו צייט ווערט די שטילקייט פון די נאכט צושטערט פון האסטיגע טריט און הויכע שושקערייען פון מענטשן, די גאנצע מחנה איז איבערגעדרייט, אלע רעדן, און אלע האבן צו זאגן א דעה.

ווען דער פרימארגן האט אויפגעשיינט האט זי געהערט ווי מענטשן דרייען זיך, מען גרייט צו די קטורת, און מען שלעפט פענדלער, זי כאפט א בליק אויף איר מאן ער שלאפט נאך טיף, אבער די וויין גייט ערגעץ וואו אויסוועפן, און אויב יעדער ווערט אים קומען רופן ווערט ער זיך אויפוועקן און מיטגיין מיט זיי, אפילו אויב זי ווערט שטיין ביים טיר און קיינעם נישט צולאזן ווערט ער זיך אויפוועקן פונעם גערודער.

עס פאלט איר איין א ווילדער געדאנק, זי ווערט רויט פון בושה נאר פון טראכטן, ניין! איך קען נישט! עס איז דאך שרעקליכע בושות, אבער איך קען אויך נישט צולאזן אז מיין מאן זאל ווערן אריינגעמישט אין מחלוקת.

זי נעמט ארויס די רויטע וואל פון קאסטן און זעצט זיך אוועק שטריקן ביים עפענונג פון געצעלט, אירע הענט טרייסלען אבער זי שטארקט זיך, און עפנט לאנגזאם די קניפ פון איר טיכל, עס גליטש זיך אראפ אויף איר אקסל און איר קאפ בלייבט אויפגעדעקט... זי קוקט זיך ארום, קיין איין מענטש זעט יעצט נישט, ווייל די געצעלטן זענען דאך געבויעט אז מען זאל נישט קענען אריינזען איינער ביים צווייטן, אבער עס געדויערט נישט לאנג, און אירע פארדאכטן שטעלן זיך ארויס אלס ריכטיג, א גרופע מענטשן דערנענטערן זיך, זי הערט אויסרופן, "לאמיר גיין רופן און בן פלת!"

"אוי וויי! זיין פרוי זיצט דארט מיט אן אויפגעדעקטע קאפ!"

"מען טאר נישט קוקן!" "קום אנטלויפן פון דא!"

זיי דרייען זיך אוועק די אויגן, זיי קוקן נישט וואס מען טאר נישט! און זיי לויפן אוועק...

זי שפירט ווי זי ווערט פארברענט פון בושות...

זי וויינט צום אייבערשטן: "הייליגער באשעפער, איך טו עס פאר דיר! איך טו עס ווייל איך וויל ראטעווען מיין שטוב!"

אוי וויי! זיין פרוי זיצט דארט מיט אן אויפגעדעקטע קאפ! מען טאר נישט קוקן! קום אנטלויפן פון דא!

יא! זי איז טאקע געבליבן פאראייביגט אויף אלע דורות אלס א פרוי וואס האט מיט קלוגשאפט געראטעוועט איר מאן, און איר גאנצע שטוב.

הייליגער באשעפער! דו האסט אין יעדן פון אונז געגעבן די בינה יתירה צו וויסן ווי אזוי צו האלטן די דורות אויפן ריכטיגן וועג, העלף מיר זאלן אלעמאל האבן די קאפ אויפן פלאץ צו פאלגן וואס צדיקים זאגן, און זיך קיינמאל נישט אוועקרירן פונעם זיסן תורה'דיגן וועג.

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה דורך רופן 845-379-1161

מעשה'לעך פאר קינדעלעך

פַארְשְׁטֵיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוער ווִיל הֶערְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה, ווִי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן ח), וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין אִינְגְל הָאט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט וֶוערְן אַ צַדִּיק. עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁנַיוֹת, אִין אָנְהֵייבּ הָאט עֶר נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען דִי מִשְׁנַיוֹת אוּן עֶס הָאט אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען, הָאט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי מִשְׁנַיוֹת, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעוֵויינְט בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי מִשְׁנַיוֹת.

וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען דִי מִשְׁנַיוֹת הָאט דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר הַזוֹהַר; עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט הָאט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל פַארְשְׁטֵיין אוּן ווִיסְן דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, הֶעלְף מִיר, עֶפְן מִיר מַיינֶע אוֹיגְן, וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ, מַאךְ מִיר לִיכְטִיג מַיינֶע אוֹיגְן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה", בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי הֵיילִיגֶע זוֹהַר.

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען מִיט יֶעדֶע סֵפֶר; עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, עֶס אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער, הָאט עֶר גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל אִים הֶעלְפְן - בִּיז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אוֹיבּ מִיר וֶועלְן טוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן; מִיר וֶועלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן מִיר וֶועלְן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֶועלְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען, אִיךְ ווִיל פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיךְ לֶערְן; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶפְן מִיר מַיינֶע אוֹיגְן אִין דִי תּוֹרָה", דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר זַיין גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל פַארְשְׁטֵיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

דעם רבינ'ס חדר

ברסלב'ע חידות

דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט פאר ר' נתן: און ווייטער איז גוט זיך אויסצושמועסן מיט אייבערשטן אזוי ווי מען רעדט צו א גוטע

א. טעראפיסט
ב. רעקארדער
ג. חבר
ד. ראגעלע

ענטפער פון פאריגע וואך:

דער הייליגער רבי נתן האט אמאל געזאגט: "יענע וועלט איז **יא** און מען קען זי **יא** באקומען!"

א שטיקעלע ספר המדות

אֱמוּנָה - חלק ראשון

ט. מִי שֶׁנֶּאֱבַד אֱמוּנָתוֹ מִמֶּנּוּ, יֵלֵךְ עַל קִבְרֵי יִשְׂרָאֵל וִיסַפֵּר הַחֲסָדִים שֶׁעָשָׂה לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא.

װער עס האט פאַרלוירן זיין אֱמוּנָה, זאל גיין צוּ קְבָרִים פוּן אִידְן, אוּן דארט דערציילט די חֲסָדִים וואס דער אייבערשטער האט געטוּן מִיט אִים.

א שיחה אין א בילד

וועלכע שיחה פון רבי נתן דערמאנט דיך די בילד?

ענטפער פון פאריגע וואך:

דער הייליגער רבי האט געזאגט: "עס איז זייער גוט צו זיין פרום צווישן די גראז אוןביימער"

און די געווינער איז...

געווינער פון פאריגע וואך:

ישראל יוסף אינדיג - קרית ברסלב

שרייב טישל

טרעף די וועג

טרעף די וועג צו **שפילן שיין מיט דיינע חברים!**



טרעף די ווערטער

א	ו	כ	ש	צ	ע	ז	ה	ל	ש
ז	ז	ו	פ	ד	ב	י	פ	א	פ
ב	י	ת	י	א	ח	כ	א	מ	י
נ	ז	י	ל	ר	ז	ע	ר	נ	ל
ט	י	א	נ	פ	ט	ו	ז	י	נ
י	י	מ	ק	י	צ	ט	י	י	ק
י	נ	ל	י	פ	ש	ו	כ	ק	ט
ו	צ	ו	י	י	פ	א	ט	ש	ב
ו	ו	ז	נ	ו	מ	י	י	ד	ל
צ	ו	י	מ	א	מ	נ	ג	ר	ו
ס	י	י	א	ה	ו	ל	א	כ	נ
ע	י	ע	ל	פ	נ	נ	ב	י	ט
נ	ט	ר	ש	ו	ר	י	ש	ר	ש
ס	נ	ט	ט	ע	ו	ט	י	י	פ
ע	א	ש	י	א	ק	פ	י	ש	י
ט	ר	י	א	ט	ט	ד	ר	א	ל
י	ז	נ	י	ז	ט	מ	ע	נ	ק
ו	ק	מ	א	ו	י	פ	כ	מ	נ
ו	ו	ל	ה	ע	א	ז	א	ל	ט

איר זאלט זיין זייער פארזיכטיג ווי אזוי איר פירט זיך אויף צו א צווייטע מיידל; מען דארף זיין זייער סענסעטיוו צו א צווייטן, קיינמאל נישט ווייטון א צווייטן, קיינמאל נישט לאכן פון א צווייטן, און קיינמאל נישט שפילן א שפיל אויב מען לאזט נישט א צווייטן שפילן מיט דעם שפיל

(עצתו אמונה חקת תשע"ח)

קליין און פיין

שיקט אריין אייער איינן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



מרדכי פאפנהיים פרשת שלח


חי' וועבערמאן


צפורה און יואל בירנבוים

אסתר פריעדמאן

פערעלע לעסער

חי' וועבערמאן

פייגי בוים

פייגי אינדיג

4 דער אוצר אויפן באן

דאס לעבן און שאפן פון מוהרא"ש לי"ע

פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר: מוֹהֲרָא"ש פָּארְט מִיטְן בַּאן צוּ דִי יְשִׁיבָה. אוֹיפְן וֶועג לֶערְנְט עֶר אַדוּרְךְ סֵפֶר "מְשִׁיבַת נָפֶשׁ", עֶר אִיז זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי חִיזוּק וָואס סְ'שְׁטֵייט דָארְט.

גענומען מיט רשות פון עיר ברסלב

געשעניש

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב

דער ראש ישיבה שליט"א דאווענט מעריב
אין ביהמ"ד שומר שבת אין בארא פארק

ביים אינטערשרייבען א שטר שותפות מיט
מו"ה יואל מארקאוויטש הי"ו פאר די קרן
הדפסה היכל הקודש

דער ראש ישיבה שליט"א ביים גליונות טישל נאכן
דאנערשטאג נאכט שיעור אין ישיבה

מען מאכט גרייט די ישיבה צו פריש סקריפן די
פלאר

סיום מסכת בבא מציעא אין ישיבה

סיום מסכת בבא מציעא אין ביהמ"ד
היכל הקודש טבריה

ביים כאפן א שמועס מיט אנשי שלומינו הארט
נאכן אנקומען אין שטעטל פארן זומער סעזאן

מען הערט זיך צו צום שיעור פונעם ראש ישיבה וואס
איז געגעבן געווארן ספעציעל לכבוד דעם סיום

סיום מסכת בבא מציעא אין
ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים

א סיום פון א תלמיד היכל הקודש ירושלים

וואכנאכט ביי מו"ה אלחנן זויבערמאן הי"ו אין צפת

ישיבת היכל הקודש ירושלים

ישיבת היכל הקודש ירושלים ביי קבר שמואל הנביא

וועכנטליכע דאנערשטאג נאכט שיעור אין היכל ראזענבערג - ה׳ שלה תשפ״ד

קרעדיט: אייזיק ראטה

שאלות ותשובות מיט דער ראש ישיבה שליט״א נאכן דאנערשטאג נאכט שיעור אין היכל ראזענבערג

קרעדיט: אייזיק ראטה

דער ראש ישיבה שליט״א שמועסט מיט אנשי שלומנו נאכן שיעור דף גמרא אין גן עדן התחתון

קרעדיט: אייזיק ראטה

מודעה משמחת

קרן הדפסה היכל הקודש גרייט זיך אין די טעג צו איבערדרוקן דעם **צווייטן באנד** פונעם הייליגן ספר **"אשר בנחל אידיש"**, געשריבן געווארן מיט מסירת נפש פאר אונז תלמידים אין אמעריקע דורך **מוהרא"ש זי"ע**, נאכדעם וואס עס איז שוין נישט דא צו באקומען, **קויפט א זכות און זעט אפענע ישועות.**

זכות
אשר בנחל
$500

דער ראש ישיבה שרייבט אין א בריוו:

אז דו דארפסט א ישועה - זאלסטו געבן צו דרוקן די הייליגע ספרים "אשר בנחל" און די הייליגע קונטרסים.

מען זעט אפענע ישועות ווען מען העלפט דרוקן די הייליגע ספרים און קונטרסים וואס זענען מגלה און מפרסם דעם אייבערשטן.

יעצט קען מען אויך האבן די זעלטענע געלעגנהייט
צו קויפן דעם זכות מהדורה פאר $10,000

פארבינדט אייך היינט מיטן גבאי
מו"ה לייבי ראטה הי"ו 347-578-4449

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב